№ 6

"CZENSTUCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראשען. • טלפסטר יאהרגאנג.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

אנאנסן-פרייז פאר 1 מילימעטער-שורה:

Piątek, d. 10 lutego 1933 | ליכט-צינדען 4.25 | פרייטאג, פ' בשלח י"ד שבט תרצ"ג.

באלא שוויאטלאווסקא מאיר ראזענבלום

פערלאבט

טשענסטאכאווע פיעטרקאוו

אין פעברואר 1933 י.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבע טאכטער און שוועסטער

באלא מיט ה' **מאיר ראזענבלום**

אונזערע הארציגסטע ברכות **עלטערן** און **ברידער.**

צו דער פערלאבונג פון פרל. **רעגינא דזיאבא** מיט ה' **שמולעק שמולעוויטש**

ווינשען פיעל גליק און אייביגעס צופרידענהייט

העניך זיעלינסקי, פרוי און פאמיליע.

צו דער פערלאבונג פון אונזער שוועסטערן-טאכטער **מאניא לענקינסקא** מיט **משה יאסקאוויטש** ווינשען א הארציגען מזל-טוב

העניך זיעלינסקי, פרוי און **קינדער.**

Z okazji zaręczyn

p. MANI LENKIŃSKIEJ z p. MAURYCYM JOSKOWICZEM

życzą wiele szczęścia JOSKOWICZOWIE.

מזל טוב צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער און שוואגער **שמולעק שמולעוויטש** מיט פרל. **רעגינא דזיאבא.** זאל זייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער.

אויך ווינשען מיר צו דער חתונה פון פרל. **פראניא דזיאבא** מיט ה' **מאיר פיעטשיסטי** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

מאיר סטאווסקי און **פרוי.**

צו דער חתונה פון אונזער קוזינקע **פראניע דזיאבא** מיט ה' **מאיר פיעטשיסטע**
און צו דער תנאים פון אונזער קוזינקע **רעגינא דזיאבא** מיט ה' **שמולעק שמולעוויטש**

אונזער הארציגסטען מזל טוב.

זאל זייער לעבענס-וועג זיין בעשטראהלט מיט גליק און צופרידענהייט.

מרדכי ארטמאן און **פרוי.**

אונזערע ליבע מחותנים צו דער חתונה פון זייער טאכטער **פראניא דזיאבא** מיט ה' **מאיר פיעטשיסטע** א הארציגען מזל-טוב, דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען

ווינשען **העניעק שמולעוויטש** און **כלה.**

Z intencji zaręczyn naszego k. brata [i przyszłego szwagra
SZMULKA SZMULEWICZA z p. REGINĄ ŻABÓWNĄ
składamy Im najserdeczniejsze życzenia pomyślności i szczęśii-
wej przyszłości Heniek Szmulewicz z Narzeczoną.

קמח פסח

מובחר מן המובחר
למהדרין מן המהדרין

מאת הרחיים

Hermannmühlen S. A. Poznań

תחת השגחת הרה"ג **ציר לסיים** מוה"ר **אהרן לעווין** שליט"א אבד"ק **רזשעשאוו.**

בהזמנות לפנות אל

A. Herziger, Będzin, Telef 4-37.

בזה הנני מביעים את השתתפותנו בצערם של **משפחת שיליט**

במות עליהם בנם החביב **חיים** ע"ה

אשר הקדיש הרבה לטובת בנין ארצנו ועמנו.

ה' ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

קן "ביתר".

בזה הנני מביעים את השתתפותנו בצערם של **משפחת שיליט**

במות עליהם בנם החביב **חיים** נ"ע

אשר הקדיש הרבה לטובת בנין ארצנו ועמנו.

ה' ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ועדת "קרן תל-חי".

בזה הנני מביעים את השתתפותנו בצערם של **משפחת שיליט**

במות עליהם בנם החביב **חיים** ע"ה

אשר הקדיש הרבה לטובת בנין ארצנו ועמנו.

ה' ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים,

כתה "חיים".

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע שכנים

פאמיליע יאקובאוויטש

צום פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבע פרוי אין מוטער

גיטל אסתר נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מרדכי ארטמאן און **פרוי.**

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדער איך אויף מיין לאקאטאר **ה' אלתר האראוויטש** זאפארט צו בעצאהלען דעם חוב פאר דירה-געלד און וואסער פאר 2 יאהר, אנדערש וועל איך מוזען דעם וויראק אויף עקסמיסיע אויספיהרען.

קאפל מיטעלמאן
ווארשאווער 6.

ב"ה

בעקאנטמאכונג.

דערמיט זענען מיר מודיע, אז **זונטאג פ' יתרו ד. 12 פעברואר ה. י. הויבען זיך אן די למודים אין אונזער שולע** אונטער דער לייטונג פון א נײ-אנגאזשירטער לעהרערין, אבסאלוועטין פון קראקאווער סעמינאר.

אויף דער אויסדריקליכער בקשה פון פיעל עלטערן, האבען מיר בעשלאסען צו פערלענגערען דעם טערמין פון די איינשרייבונגען, מאכענדיג דערביי אויפמערקזאם, אז די צאהל פרייע פלעצער איז זעהר בעגרעניצט און יעדער דארף אין זיין אייגענעם אינטערעס זיך צואיילען מיט די איינשרייבונגען.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז **מארגען שבת פ' בשלח 2 א זייגער נאכמיטאג** קומט פאר אין לאקאל פון דער שולע קאטעדראלנא 10 (פריהער סטראזשאצקא 11)

א קינדער - פייערונג

לכבוד חמשה עשר בשבט.

בית - יעקב - קאמיטעט
אין טשענסטאכאוו.

שעלרונג.

די פערוואלטונג פון דער ג"ח קאסע אגראדאווא 6, מעלדעט, אז לויט א בעשלוס פון דער פערוואלטונג דעם 5 לוטי ד. י. מוזען אלע הלואה-נעמער זיין מיטגלידער פון דער קאסע. אויך מוזען די תלואות ווערען אויסגעצאהלט אלס וועכענטליכע ראטעס אין משך פון 3 חדשים.

א"ע הלואות ווערען ערלעדיגט אין לאקאל פון דער קאסע, אגראדאווא 6, וועלכע איז טעטיג זונטאג פון 10—12 פארמיטאג און פרייטאג פון 2 ביז 4 נאכמ.

די פערוו. פון ג"ח אגראדאווא 6.

ב"2 גרויסע צימערן,

עס קאן זיין אהן א קוך און אהן בעקוועמליכקייטען אין צענטרום שטאדט

ווערט געזוכט.

אינפארמאציעס אין אדמיניסטראציע פאר ל.

א קינדער = וועגעלע

אין א גוטען צושטאנד
געלעגענהייטליך צו פערקויפען.

ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע.

ברילען און בינאקלען

רעיעל אויסגעפיהרט לויט די רעצעפטען פון די ח"ה אקוליסטין

קויפט יעדער איינער נאר אין

Optyk Medical, Aleja № 31

וועלכע איז גאראנטירט, אז ער בעקומט רעיעלע און גוטע גלעזער

צו זעהר מעסיגע פרייזען.

גלייכצייטיג בין איך מודיע, אז איך האב געעפענט

אנ'עלעקטרישע שלייפעריי,

וואו איך נעם אן צו שלייפען כירורגישע געגענשטענדען, ווי: בריטוועס, שערלעך א. א.

זעהר סאלידע אויספיהרונג. — — איבערצייגט אייך.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu powiększonym

ul. Waszyngtona 6. daw. Jasna.

Zapisy na kursy i lekcje oddzielne codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.

שבת 11 ד. ח. 8 אוונד פראקטישע לעקציע

פאר יודישער געזעלשאפט און אויך יעדען שבת.

אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אווענד.

צוגענגליכע פרייזען.

טעאטער קאמעראלני.

זונטאג, דעם 12 יאנואר 1933 י. האלב 9 אווענד — איין אויפטריט

פון דער בעריהמטער ארטיסטין

אידא קאמינסקא

אין דעם סענסאציאנעלען ווערק פון דער מאדערנער שריפטשטעלערין מ. שטשעפאנסקא

"מיר פרויען"

מיט'ן אנטייל פון **רחל האלצער** און **ר. לצרער.**

בילעטען-פארפערקויף אין דרוקעריי פון ה' באטשאן.

געזעלשאפט "הכנסת כלה" אין טשענסטאכאוו.

מארגען, שבת, דעם 11 לוטי פונקטליך 1933 י. 8 אווענד קומט פאר אין זאל פון האנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12

א גראנדיעזער וואקאליש - מוזיקאלישער אווענד

מיט א אינהאלטסרייכען פראגראם.

עס בעטייליגט זיך דער טאלאנטפולער **שטאדט-חזן ה' יוסף באראש,**
דער בעהאוסטער זינגער **ה' ה. שמירט** ווי אויך ה' **ש. פראנק.**

די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר דער געז. "הכנסת כלה" אין אונזער שטאדט.

M. ROZEN, Częstochowa, ALEJA 9

מאכט בעקאנט דעם ג' פובליקום

אז די פאבריק פון טוך און קארטען

פון דער בעקאנטער פירמע

JÓZEF RAPAPORT i S-ka w BIELSKU

האט געעפענט ביי מיר א פאבריקס-סקלאד פון זייערע אויסארבייטונגען, די בעסטע סארטען און די נייעסטע מאדעלען,

— וועלכע ווערען פערקויפט צו פאבריקס-פרייזען. —

מיט אכטונג **מ. ראזען.**

יודישער בעקער און צוקער - בעקער - צעך

אין טשענסטאכאוו און אומגעגענד.

מיטוואך, דעם 15 לוטי 3 א זייגער נאכמ. 4 א זייגער אין צווייטן טערמין קומט פאר אין לאקאל פון **האנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12**

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון צעך.

טאג-ארדנונג: א. ערעפנונג, ב. וואהלען פון א פארזיצער פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג. ג. בעריכטען. ד, גוזשעט. ה. וואהלען פון א סטארשע און פאדסטארשע. ו. וואהלען פון א פערוואלטונג. ח. פרייע פארשלאגע

בעמערקונג: זונטאג, ד. 12 ד. ח, 3 נאכמיטאג א פארוואהל-פערזאמלונג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר **מלך אייזענבערג** צום טויט פון זיין

מוטער נ"ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון בעקער און צוקערבעקער-צעך אין טשענסטאכאוו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען פרעזעס

ה' **אלימלך אייזענבערג**

צום טויט פון זיין ליעבע **מוטער** נ"ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון ג"ח און חברה אהבת-אחים
אגראדאווא נר. 6.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מור אויס אונזערע חברים

איטשע, אברהם און **פנחס סעצעמסקי**

צום טויט פון זייער **פאטער** נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון בעקער און צוקערבעקער-צעך
אין טשענסטאכאוו און אומגעגענד.

נאטיצען.

נייע שטייערן.

עס וואָלט זיך ביי קיין פאל נישט געגלויבט אַז מען זאָל קענען ביי אונז אין פוילען קומען און פּראָיעקטירען ארויפצולעגען אויף די בירגער נייע שטייערן, אין דער צייט ווען מען ווייסט אַז די סומע וואס עס בעטרעפען ביז-איצט די פערלעגענע שטייערען איז אונגעהויער גרויס און דערגעהט ביז מיליאַרדען, מען ווייסט אויך אַז די שטייער - אמטען פעהלען נישט קיין אינקאַסענטען און דוקא אזאלכע וואס פוילען זיך נישט, און טהון זייער אַרבייט בשלימות, פּיעלמאל זאגאר גאך צופּיעל בשלימות און אויך נאָכדעם אַלעמען איז פאַרט געבליבען אַזאַ קאָלאָסאַלע סומע נישט איינקאַסירט, איז דאָך די סבה גאַנץ איינפאך: מען קען דאס נישט איינקאַסירען ווייל די שטייער-צאָהלער האבען נישט און ווי זאָגט מען דאס: בדליכא כילו עלמא לא פליגי—אַז ס'איז נישטאָ, קען קיינער נישט נעמען, העלפען נישט קיין סעקוועסטראַטאָרען מיט קיין ענלות, און די אַלע גוטע זאַכען.

און פאַרט זענען פּראָיעקטירט ׳געוואָרען נייע שטייערן, וועלכע דער מיניסטאָרען-ראַט האט שוין זאגאר אנגענומען און עס איז באמת נישט צו פערשטעהן פון וואַנען מען קען זיין אַזוי זיכער אַז די דאָזיגע נייע שטייערן וועלען די בירגער יאָ האבען צו בעצאהלען און מען וועט זיי זיכער קענען איינקאַסירען ווי די אַנדערע פערלעגענע שטייערן.

מען געהט בעניי׳ען דעם אַמאָליגען פערמעגענס-שטייער נאָר אין אַ נייער פאָרם, מיט אַ אַנדערע גרונד - נאָרמע און נייע גרויסען פון די שטייער-אָבצאָהלונגען.

מיר געדענקען נאך ווי ווייט קאָמפּליצירט עס איז געווען דער דאָזיגער שטייער אין זיינער צייט צוליעב די אָבשאַצונגען פון דעם פערמעגען, ווייל עס איז געווען שווער פעסטצושטעלען דעם פאַקטישען ווערט פון דעם פערמעגען, וואס דער שטייער-צאָהלער בעזיצט און ממילא אויך די הויך פון דעם שטייער.

און איצט איז דאס דאכט זיך פיעל פיעל מעהר קאָמפּליצירט, ווארום פערמעגען אין געוועהנליכען זין בעשטעהט פון אונבעוועגליכע גיטער, ווי פעלד, בעדען, הייזער, פאַבריקען און זייערע מכשירים, און דאס אַלץ איז דאך לעצטענס אַזוי שטאַרק געפאלען אַז דאס האָט פערלוירען אַ זעהר בעדייטענדען טייל פון קויפּס פּרייז, הייזער זענען זעהר געפאַלען, פון פאבריקען מיט מאַשינען איז דאָך שוין אָבגערעדט, ווייסען מיר דאָך אַז פאבריקאַנטען וואס האבען פערמאָגט פאבריקען מיט איינריכטונגען אין דער ווערט פון מיליאָנען האבען געמוזט באַנקראָטירען ווייל אויך „דאס רעדיל האט זיך אויפגעהערט צו דרעהען", איז אַלץ געוואָרען טויט, אָבגעשטאָרבען, ווען ׳מען זאָל דאס וועלען פערקויפען פאר'ן האלבען פרייז איז נישט געווען קיין קונה, דאס זעלבע איז אויך מיט לאַנדווירטשאפט, אויך פון דעם איז דער פרייז שטאַרק געפאַלען, און עס איז דעריבער זעהר שווער זיך פאַרצושטעלען ווי אזוי מען וועט קענען פעסטשטעלען און אָנצייכענען דעם פאַקטישען ווערט פון דעם דאָזיגען פערמעגען. געוויס וועלען צו דעם צוועק געשאַפען ווערען קאָמיסיעס פון פאַכמענער, יעדער געביעט וועט האבען איהרע שאַצער, וועלכע זאלען זיין בעהאַווענט אין דער געגעבענער בראַנזשע, אָבער צי איז דען אין דער היינטיגער צייט באמת מעגליך אָבצושאַצען אזאלכע זאַכען? צי קען דען אַפילו דער בעסטער פאַכמאַן אָבשאַצען דעם פאַקטישען ווערט און נאך דערצו דאס בעשטימען אויף גאַנצע 3 יאהר, לויט ווי עס זעהט פאַר דאס געזעץ?

עס געהט דאָן אויך אַ נייער שטייער פאר'ן ארבייטס-פאָנד, וועלכער זאָל בעיקר געטומען ווערען פון די גייסטיגע און פיזישע ארבייטער, אויך פון זייערע ארבייטס-געבער, איז שוין נישט רעדענדיג וועגען די דאָזיגע ארבייטער וועלכע מיר ווייסען אַז זיי פערדינען היינט קיים דאס לעבען צו דערהאַלטען, איז דאָך ווידער די פראַגע אויב די ארבייטס-געבער וועלען מוזען צאָהלען אַ נייעם שטייער, וועלען זיי דאָך דעם דאזיגען שטייער אַריינרעכנען אין דער קאַלקולאציע און אַזוי ארום וועלען זעמטליכע סחורות ווידער טייערער ווערען, און דאס אין דער צייט ווען די רעגירונג קעמפּט געגען די צו-הויכע פרייזען פון סחורות און בעמיהט זיך צו ווירקען אויף די פאַבריקאַנטען איבערהויפּט אויף די קאַרטעלען אַז זיי זאָלען ביליגער מאַכען די פרייזען פון סחורות.

און ווידער קומט אין בעטראַכט די אויבענגעשטעלטע פראַגע: ווייסען מיר דאָך וואסערע אונגעהויער גרויסע סומע עס זענען פערלעגען די פאַבריקאַנטען און ארבייטס-געבער אויף די ביז-יעצטיגע סאָציאַלע פערזיכערונגען ווי קראַנקען - קאַסע, „זופּו", וועלכע דערגרייכען צו א קאָלאָסאַלער סומע און דאס איז אַלץ „ווידער" דאס זעלבע, דערפאַר ווייל זיי האבען נישט צו צאָהלען און קיין שום שטרענגע מיטלען העלפען נישט צו קענען פון זיי די סומע איינקאַסירען, היינט פון וואַנען וועלען זיי האבען צו צאָהלען דעם נייעם שטייער, און ווי אזוי וועט מען דאס איינקאַסירען?

עס איז פערשטענדליך, אַז די מלוכה מוז אונבעדינגט האבען די סומע וואס איז איהר נויטיג צו דעקען דעם בודזשעט, און דאס מוזען טאַקי געבען די בירגער וועלכע ווערען דורך דער מלוכה געשיצט און אָבגעהיטען, אָבער ווען זיי האבען פאַרט נישט, דאַרף דאָך די מלוכה טאַקי זאָרגען צו געפונען מיטלען אַז די בירגער זאָלען קענען צאָהלען, אַז זייער עקאָנאָמישע לאַגע זאָל זיך בעסערן און זיי זאָלען קענען באמת ערפולען זייערע פליכטען אַלס בירגער פון לאַנד, וואס זיי וועלען געוויס טהון, ווייל יעדער בירגער פיהלט אויף זיך דעם חוב צו זיין לאַנד און דעם שטאַאַט.

י. פ.

אַך, די שרעקליכע רעוומאַטישע ווייטאָגען!...

מאַטערן אַ גאַנצען טאָג, יעדער ריהר שאַפט אונגעהויערע שמערצען. צו וואסזשע זיך אזוי מאַטערן – מען דאַרף, ענדליך, אַ סוף מאַכען צו די ליידען. טאָגאַל האלט איין דאס אַנזאַמלען זיך פון אורין-זויער, וועלכע איז, ווי בעוואוסט, די אייגענטליכע סבה פון די דאָזיגע ליידען און דעריבער בעקעמפט טאָגאַל מיט גרויס ערפאלג רעוומאַטיזם-שמערצען פּאָדאגרע, נערווען און קאָפּ-וועהטאָגען, אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאַגען און אַנדערע אָרגאַנען. פּרובט און איהר וועט זיך אליין איבערצייגען. צו בעקומען אין אלע אַפּטייקען. רעגיסטרירט נומער 1364.

Togal

געדענק דאס וואָרט!

אַ נאַרהאַפטע פריהשטיק

איז די גרונד-הינטערלאַגע פון גאַנצען טאָג! אונזער נאַהרונג ענטהאַלט נישט קיין גענוגענדע נאהרונגס-סובסטאַנצען כדי צו דערהאַלטען דעם כח און ענערגיע — ערגענצען קען עס נאָר **אָוואָמאַלטין** פוּלווערטיגע וויטאַמין-נאַהרונג, וועלכע איז אין געגענזאַץ צו די מעהרסטע פּראָדוקטען א פולשטענדיג בעפרידיגענדע ערנעהרונג

אָוואָמאַלטין צולאָזט אין וואַרימע מילך, קאַווע אָדער טעע איז אַן אויטגעצייכענטער נאַהאַפטער געטראַנק אויף פריהשטיק, שטאַרקט דעם אָרגאַניזם און גיט צו נייע כוחות.

OVOMALTINE

בעשטעהט פון אייער, מילך, מאַלץ און קאַקוי, ענטהאַלט דיאַסטאַז און ליצעטין און איז דערביי לייכט צום פערדייען און לייכט צום צוגרייטען.

Fabryka Chemiczno-Farmaceutyczna
Dr. A. WANDER Sp. Akc.
KRAKÓW

פרייזען:
א פּושקע 125 גר., — 2,50 זל.
250 גר., — 4,30 זל.
500 גר., — 7,30 זל.

צו בעקומען אין אלע אַפּטייקען און דראָגעריעס.—פּרובען און בראָשורען ווערען ארויסגעשיקט בחנם

שטיצט די חמשה = עשר = אַקציע פון „קרן-קימת לישראל".

די ענטלאפענע. (40

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין 18-טען יאָהר-הונדערט.

פון י. איזאַקזאָהן.

(פאָרטזעצונג)

ווען דוד רייכמאַן האט ערהאלטען דעם שטרענגען בריעף פון יעקב משה'ן, האט דאס אויף איהם געמאכט אַ זעהר פּייגליכען איינדרוק.

במשך דער צייט האט ער שוין מיט הנה'לען עטליכע מאָל גערעדט, וועגען דער אנגעלעגענהייט און ער האט זיך איבערצייגט אַז זי איז אַ טייער קינד, וואס מען טרעפט נישט אַזוי שנעל, און טראָך דעם וואס ער האט נישט געקענט איינשטימען מיט דער האַנדלונג וואס זיין זוהן האט געהאַנדעלט אַוועקנעמענדיג אַן איינציגע טאָכטער פונ'ם הויז פון איהרע עלטערן האט ער פאַרט געפיהלט אַז אזוי חנה'לע ווי אַדאָלף זענען פולקאָם גערעכט, אַז זיי האבען אנדערש נישט געקענט האַנדלען.

און אַזוי איז חנה'לע געוואָרען מיט יעדען טאָג אַלס מעהר צוגעבינדען צו זיי און זיי צו איהר, זי האט זיך שוין גערעכענט פאר זייער קינד, און ביי אַלע איז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע בעשטימטע זאַך אַז זי וועט זיין אַדאָלף'ס פרוי און זייער שנור.

אָבער דוד רייכמאַן אַלס זעהר רעליגיעזער יוד און זעהר ערענטליכער מענש האט געוויס נישט געקענט בעשטימען אַזאַ זאַך אָהן דער הסכמה פון חנה'לעס עלטערן, איבערהויפּט ווען זיי זענען זיינע בעסטע פריינד, און דעריבער האט ער זיך געגרייט צו שרייבען צו יעקב משה'ן איהם ערקלערען די גאַנצע זאַך, און דאבּיי אַלס גוטער פריינד איהם אויסמוסר'ן אַז ער האט געגען זיין איינציגער טאָכטער נישט ריכטיג געהאַנדעלט, דאבּיי איז רייכמאַן געווען זיכער אַז זיין בריעף צו יעקב משה'ן וועט האָבען די געהעריגע ווירקונג, און וועט ברענגען זיין איינשטימונג צו דעם שידוך, ער איז נאָר נישט געווען זיכער אָבער דער פריהערער חתן חנה'לעס וועט זי בעפרייען, און דאס איז ביי איהם געווען דער גאַנצער שווער-פונקט, און וועגען דעם האט ער אָפען גערעדט מיט זיין פרוי.

ווען איך זאָל שוין אַפילו איינשטימען צו דעם שידוך—האט ער צו איהר געזאָגט, איז קודם-כל מוז מען זיך דאָך פאַרט רעכענען מיט דעם וואס יעקב משה וועט זאָגען, כ'בין דאָך פאַרט נישט זיכער אַז איך וועל קענען אויף איהם ווירקען ער זאָל איינשטימען און דער עיקר איז דאָך אַ פראַגע אויב דער פריהערער חתן וועט איהר וועלען געבען „פּטורים".

די פרוי האט דאס איבערגעגעבען אַדאָלף'ן און חנה'לען אזוי אַז דער גאַנצער שווער-פונקט איז איצט ביי זיי געווען נישט אַזוי ווייט יעקב משה ווי דער חתן. איצט אָבער ווען רייכמאַן האט ערהאַלטען דעם בריעף פון יעקב משה'ן אין וועלכען ער שרייבּט אַז ער בעגראָבט זיך פאר חרפה, ווייל דער רב האט איהם אָבגעשיקט די „תנאים", זענען זיי אַלע און רייכמאַן אַליין אויך געווען צופרידען וואס קודם כל איז חנה'לע בעפרייט געוואָרען פון איהר חתן מיט וועלכען זי האט נישט געקענט חתונה האבען, און דאס וואס ס'איז פאר יעקב משה'ן געווען אַ אַזאַ אומגליק, איז פאר זיי געווען א גליק.

דאבּיי איז רייכמאַן געוואָרען שטאַרק אין כעס צוליעב דעם זעהר שאַרפען טאָן פון דעם בריעף מיט די שרעקליכע זידעל-ווערטער וואס ער האט ענטהאַלטען געגען זיין איינציגען זוהן, און דעריבער האט ער בעשלאָסען צו שרייבען נאָך פראַנקפורט אויך זעהר א שאַרפען בריעף און ערקלערען חנה'לעס עלטערן, אַז זיי זענען אונמענשען, ספּעציעל האט ער זיך געוואַנדען צו איהר מוטער און איהר ערקלערט אַז מען קען נישט אַזוי שטרענג האַנדלען געגען אַן איינציג קינד, איבערהויפּט אַזאַלכע ווי חנה'לע, און וועגען זיין זוהן האט ער געשריבען אַז ער איז זעהר א גוטער יוד, און פאר די בעליידיגונגען וועט ער יעקב משה'ן קיינמאָל נישט מוחל זיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אָנגעקומען פון פראַנקפורט צוויי בריעף, איינער פון יעקב משה'ן אין וועלכען ער שרייבּט שוין עטוואס מילדער אָבער פאַרט קען ער זיך נאָכנישט איינגאַנצען שטילען פון זיין אויפרעגונג, און דער צווייטער בריעף איז געווען פון זיין פרוי, וועלכע שרייבּט אָפען אַז זי שעצט זיך גליקליך וואס עס האט זיך אַזוי געמאַכט.

עס האט זיך דאָן אָנגעהויבען אַ בריעף-וועקסעל צווישען וואַרשא און פראַנקפורט, און אַזוי ווי א בריעף פון וואַרשא קיין פראַנקפורט און צוריק האט דאמאָלס געדויערט עטליכע וואָכען, זענען דערווייל אַריבער עטליכע חדשים, און ס'איז אָנגעקומען ווינטער, ווען ס'איז אין פראַנקפורט פאַרגעקומען די טרויעריגע געשעהעניש וועלכע מיר בעשרייבען אין ווייטערן אַרטיקעל.

.26

עס איז געווען אין אָוועגד פון 24 טבת שנת תע"א 14 יאַנואַר 1711).

דער פראַנקפורטער רב, דער וועלטבעריהמטער גאון נפתלי הכהן איז געזעסען פערטיעפט אין זיינע ספרים און ער האט אפילו גאַר קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט אויף דעם וואס עס קומט פאָר אין זיין נאָהנטסטער אומגעבונג, דאס הייסט, ביי זיך אינ'ם שטיבעל.

אַ ליכט וואס איז געשטאַנען אויף א זייטען-טישעל איז אומגעפאַלען און דער ברענענדיגער פלאַם האט זיך פערמישט מיט מאנכע פּאַפּירען, וואס זענען געלעגען אויף דער ערד.

אין א מינוט אָדער צוויי ארום, ווען דאס פייער איז ברייטער און גרעסער געוואָרען און דער אזוי פערטיעפטער גאון האט עס שוין דערזעהן, איז ער דערפון אזוי דערשראָקען און אבהענגדיג געוואָרען, אַז ער האט קוים געקאנט ארויסלאָזען דעם הויכען געשריי „פייער", נישט וויסענדיג וואס צו טהון האט ער געכאַפּט זיין שטעקען און מיט איהם געוואָלט לעשען דאס וואס אמאָל פערגרעסערענדע זיך פייער.

די ווירקונג פון זיין לעש - אַרבייט איז אָבער געווען א פערקעהרטע. מיט'ן שטעקען האט ער דאס פייער נאָך גרעסער געמאַכט און אייזער וואס ווען, זענען די אזוי שטאַרק אויסגעטריקענטע ווענד פונ'ם שטיבעל שוין געווען איינגעהילט אין פלאַמען.

דערווייל זענען זיך צוזאַמענגעלאָפען אַלע איינוואוינער פון הויז און זיי האבען מיט פעראייניגטע קרעפטען געוואָלט בייקומען דאס פייער, אָבער אָהן וועלכען עס איז ערפאָלג.

דערווייל איז מען אין גאַס אויך אויפמערקזאַם געוואָרען, אַז אינעווייניג אין הויז ברענט און מענשען האבען געוואָלט אַריין העלפען לעשען. די הויז-טהיר איז געווען פונקט פערשלאָסען און איידער מען האט זיך געקענט אַריינרייסען איז שוין דאס גאַנצע הויז געווען איינגעוויקעלט אין פלאַמען.

ווינטער איז דאס געווען און א שאַרפער ווינד האט געבלאָזען פון דעם נישט ווייטען טייך מאַין און עס האט שוין גאַרנישט לאַנג געדויערט און די גאַנצע פראַנקפורטער געטאָ איז געווען איינגעוויקעלט אין פלאַמען, אָהן וועלכע עס איז הילף און רעטונג.

עס האט אַפילו נישט לאַנג געגומען און די שטאָדטישע פייערלעשער זענען אָנגעקומען מיט זייערע לעש-אַפּאַראַטען און שפּריצערס. זיי האבען אָבער געפונען די טויערען פון דער יודישער געטאָ פעסט פערשלאָסען און פערריגעלט, ווי דער מנהג איז געווען יעדען אָוועגד, כדי די יודען צו פערהיטען פון אַ פּלוצלונגען קריסטליכען איבערפאַל און זיי האבען נישט געקענט אַריין אַנטיילנעמען אין דער רעטונגס-אַרבייט.

(פאָרטז. קומט).

ח. ל. חריפאי.

אין פתח=תקוה מיט לארד מעלטשעט.

איהר ווייסט דאך מסתמא, אז ביי א צייטונגס-מענש, קריכען די באנקעטען ממש פון האלז. ווער באנקעטעוועט נישט? און צוליב וועמען באנקעטעוועט מען נישט? עס קאסט דען טייער? — מען שיקט איינלאדונגען מיט דעם בעוואוסטען נוסח, מען שטעלט צוזאמען די טישען. די רעדנער שווענקען די העלזער, ווי משוררים פאר ימים נוראים — און פערטיג א באנקעט.

ווען איך האב געקריגען די איינלאדונג פון „מכבי - אבשלום" אין פתח-תקוה, צו זיך מטריח צו זיין צו דעם אלטען שפירא — אדער ווי די אראבער רופען איהם: דער אייזערנער שייך פון פתח-תקוה — וואו מען וועט מקבל-פנים זיין דעם לארד מעלטשעט, האב איך זיך א טראכט געגעבען — ווידער א באנקעט! אבער ווי זאגט דער פסוק: מען קען דאך קיין דבר-אחר נישט זיין.

— מען גיט דיר כבוד; מען איז דיך נאך דערצו מכבד מיט א פסוק — מיט א טאסט הייסט דאס, טא ווי קאן מען ביישטיין דעם נסיון...

און פאר צוויי פיאסטער בין איך אין פתח-תקוה. פופצען מינוט מיט'ן אויטאבוס. ערנסט גערעדט איז דאס נאך תל-אביב. כ'לעבען, גאר א איבעריגער עסק. כמעט איין שטאדט: תל-אביב, שכונת מאנטעפיארע, אהל-יצחק, שכונת בארא כאוו, רמת-גן, בני-ברק, גבעת-השלשה, פתח-תקוה — קען מען דען נישט יוצא זיין מיט איין באנקעט? — אבער געה שריי „שמע ישראל"... פתח-תקוה טענה'ט: איך בין עלטער פאר תל-אביב, שוין גאר א זקנה — פינף און פינפציג יאהר—דערצו די ערשטע לאנדווירטשאפטליכע קאלאניע, אדער ווי זי הייסט אין העברעאיש „אם-המושבות" — זי וויל אויך ווייזען, וואס זי קאן...

בקיצור, וואס זאל איך אייך מאריך זיין! 4 בייטאג. דער מכבי-פלאץ איז פול. איהר מיינט, איך בין געווען א בן-יחיד פון תל-אביב — האט איהר במחילה, א גרויסען טעות. פון אלע זייטען קוקען אויף דיר תל-אביב'צער אויגען און וואונדערען זיך פונקט ווי זיי וואלטען פרעגען: ווי אזוי קומט ער אהער?... מען ווארט! די אויגען און די בינאקלען קוקען אויף דעם ווייטען ירקון. דא וואלט א קינסטלער געגעבען א גאנצען פרק: „מען ווארט". אבער א פשוט'ער פעליעטאניסט איז יוצא מיט דריי ווערטער: „די אויגען זוכען ווייט אויפ'ן שאסע די שפיצען פון די פאנען". כ'מיין א גאנץ פיינער פסוק: כמעט ישעיה.

און זיי האבען זיך טאקע בעוויזען. דרייסיג רייטער. פאראויס לארד מעלטשעט, פון די זייטען צוויי מכבי'סטען מיט העל-בלויע פעהנער: אברהם שפירא נאך איהם. ער האט שוין א חזקה. ער איז דער אדיוטאנט-וועכטער פון אלע גדולים. ד"ר וויצמאן, סאקאלאוו, באראן ראטשילד און נאך און נאך — אברהם שפירא איז זייער בעגלייטער איבער ארץ-ישראל. די מוזיק שפילט התקוה. די רייטער בלייבען פערשטיינערט אויף זייערע פערד. גלויבט מיר, א גאנץ פיין בילד. אין ווארשא און ניו-יארק וועט איהר עס נישט זעהען. אמת, איהר האט אויך מכביסטען, איהר האט אויך לארדען, איהר האט אויך מוזיק, אבער קיין פתח-תקוה האט איהר נישט. דאס פערד שטעהט פעסט אויפ'ן י ו ד י ש ע ן באדען, דער רייטער זיצט פעסט אויפ'ן פערד, ווייל די פתח - תקוה'ער ארגאניזאציע הייסט „מכבי-אבשלום", צו דעם אנדענקונג פון אבשלום גיסין, וואס איז געפאלען אין די מויערען פון דער קאלאניע און האט די בעדואינער אין יאהר 1902 צו איהר נאהענט נישט צוגעלאזט.

קוקענדיג אויף דעם פערגעסטו א ווײלע, אז לארד מעלטשעט איז נאך א תלמיד אין יודישקייט, אז אלץ איז נאך פאר איהם ניי — דו זעהסט פאר זיך א מכביסט אין אוניפארם גלייך מיט אלע מכביסטען, ער נעהמט צו דעם „פאראד" גלייך מיט ד"ר העמאן און עס ווילט זיך אויסשרייען: „אחינו אתה"! ווען לארד, וואס לארד, א יודישער יונגערמאנטשיק, דערצו נאך אין ברילען, מיט א שטענדיגען שמייכעל אויפ'ן פנים, דעם מכביסט פון רעכטס א האנד אויפ'ן קאסקעל, שפירא'ן פון לינקס א סוד אויפ'ן אויער אין א צובראכענעם דייטש, גלויבט מיר, אין א פאר יאהר ארום מאכען מיר איהם פאר א „מענש". איך רעכען, אז ער וועט זיין נישט קיין שלעכטער שליח פון „קרן היסוד".

אדרבה, הערט זיך צו וואס ער האט געזאגט אויפ'ן באנקעט. נאר פריהער לאמיר אייך דערצעהלען, וואס עס האט זיך געטהון נאכ'ן „פאראד". מאטאציקליסטען א דריי פיער צעהנדלינג, וועלאסיפעדיסטען א האלבע מאה, רייטער א דריי צעהנדלינג, אלע מיט פאקעלען, הויך, שטאלץ, האבען זיך אוועקגעלאזען צו דער גרויסער שוהל, וואו דער רב, כמעט א אגודה'ניק האט בעגעגענט לארד מעלטשעט מיט א גאנץ ווארימער רעדע אין... העברעאיש און דוקא אין א גאנץ פיינעם העברעאיש. און עס איז געשעהן א נס. לארד מעלטשעט ענטפערט, אנהויבענדיג בערך אזוי: „חברים, בני פתח-תקוה"—העברעאיש קלאר און דייטליך, עס פערשטעהט זיך, אז גלייך איז ער אריבער צו ענגליש, אבער די פאר ווערטער איז געווען גענוג, אז די פיעל-טויזענדקעפיגע מאסע זאל בלייבען שטעהן מיט אפענע מיילער.

שפעטער א ווײלע א מאסען-פערזאמלונג אין „הרצליה" זאל, א ווארימע ציוניסטישע רעדע, פונקט ווי ער וואלט נאר וואס אראב פון „פרקי אבות".

יודען געהן און שאקלען מיט די קעפ.

— פארט א יוד!

און נאך וואס פאר א יוד—ענטפערט איהם א קול פון דער זייט.

אבער נישט דאס בין איך אויסען. איך האב אייך פערשפראכען צו דערצעהלען פון דעם באנקעט. איך וויל מיין ווארט האלטען. איהר ווייסט דאך מסתמא, אז א באנקעט בעשטעהט פון צוויי טיילען: פון רעדעס און פון.. טאסטען. ווער רעדט נישט? און מען האט טאקי גערעדט. איך וואלט שוין קיין לארד נישט געוואלט זיין, נאר נישט ליידען אזא חיבוט הקבר, אבער אלץ נעהמט דאך א סוף. דער שטראם פון די רעדעס האט זיך א ווײלע איבערגעריסען און מען האט זיך צוגעכאפט צו די פאמעראנצען, מאנדארינקעס און אפילו צום רויטען פלעשיל.

אט הויבט זיך אויף דער גאסט מיט א שלום-רעדע. פריהער אין באנקעטישען טאן, דערנאך ערנסטער און ערנסטער.

— איך בין געקומען צו אייך, צום פאלק, צו זיך, נישט ווייל איך האב געזעהן די צרות פון דעם מזרח-אייראפעאישען יוד, נאר ווייל איך האב דערזעהן אייך, ארץ-ישראל'דיגע יודען, ווי איהר בויט מיט גלויבען און האפנונג די צוקונפט פון יודישען פאלק. דער עמק, דער שרון, תל-אביב — די אלע זענען אויפגעבויט געווארען מיט יודישע הענד און יודישע ארבייט. מען קען נישט שטעהן פון דער ווייטענס, מען טאר נישט זיין פונדערווייטענס. איך וועל איבערגעבען אייער פרייד מיינע חברים און נישט-חברים איבעראל...

פיעל האט ער גערעדט, ווארים האט ער גערעדט. עס פערגעסט זיך דער באנקעט. עס איז א נס געשעהן, א נס, אלע האבען דאס געפיהלט.

— א ענגלישער לארד איז מגולגל געווארען אין א ווארימען אקטיווען ציוניסט.

— דאס איז דער כח פון ארץ-ישראל.

שמעון קראק.

איינדריקען פון איטאליען.

(פראגמענטען).

כ'האב געזעהען איטאליען..

איך בין זי איבערגעלאפען אין דער לענג און אין דער ברייט, פון די הימלישע אלפען ביז דער רוימישער קאמפאניע, פון אדריאטיק ביז'ן טירענישען ים...

איטאליען, דאס לאנד פון קאנטראסטען און געגענזאצען, וואס איז א געגענשטאנד פון בענקשאפט און טרוימען פון יעדען איינציגען, דאס לאנד פון גרויסע סיורפריזען און נאך מעהר ענטוישונגען!

דורכפאהרענדיג די גרעניצען פון דריי לענדער בין איך ענדליך אנגעקומען אין לאנד פון געשיכטע און קונסט.

באדענדיג זיך אין דער הייסער זון די אמת'ע „פערל פון אדריאטיק" מיט אלע קאלירען פון רעגען-בויגען די איבער שעהנע ווענעדיג... מיט איהרע פערכישוף'טע פאטריציער - פאלאצען, אבשפיגלענדיג זיך אין די וואסער-קאנאלען, פאלאצען, וועלכע האבען קיינמאל נישט געזעהען קיין געשפאן נישט קיין פערד, שוין נישט רעדענדיג פון קיין מעכאנישער פאהר-קראפט.

בעוואונדערענדיג די שטאדט, טהו איך זיך ענטציקען פון דעם שעהנעם פלאץ פון הייליגען מארק, וועלכער לאזט זיך נישט בעשרייבען צוליעב זיין אריגינאליטעט. דא איז דער דאזשען-פאלאץ, מען שפירט דא נישט דעם אלגעמיינעם שטיקענדען ריח וואס ענטשטעהט פון די קאנאלען, וועלכע זענען הונדערטער יאהרען נישט געריייניגט געווארען. דא זעהט מען נישט דעם שמוץ, וועלכער לאזט זיך נישט אויסווארצלען טראץ די אלע רעפארמען פון מוסאליני.

שטענדיג און אומעטום ווערט איטאליען בלייבען איטאליען מיט די ציפריסען און אלעאנדרען פון איין זייט און די אומריינקייט — דער שטיקענדער ריח און דער אבשיי צו זייף און וואסער פון דער אנדערער זייט — אבער ווענעדיג — דאס איז נאך גאלד; ווער עס האט נישט געזעהען נעאפאל, ווייסט נישט וואס מענשען קענען.

ווען מען זעהט נעאפאל אויף אנזיכטס-קארטען. זעהט מען א הערליכען ים-אויסגוס, איבער וועלכען ס'פערשפרייט זיך מאיעסטעטיש דער וועזוף, מיט א נישט-אבגעטיילטען רויך-וואלקען. אויף אזוי פיעל די אנזיכטס-קארטען.

דער אמת'ער נעאפאל — דאס איז שמאלע שטיקענדע געסלעך מיט אונצוטריטליכע שנירען מיט וועש, צוהענגענדיג זיך פון איין הויז צום צווייטען מיט הענגענדיגע וועש איבער אלע שטאק. אפט 4 און 5 שטאקיגע הייזער. אזוי קען זאגאר אין א הערליכען זומער-טאג, און דער אדורכגעהער קען אנטרעפען אויף אנ'אבקיהלונג אין דער פארם פון א רעגען, וואס אנ'אמת אויף א זעהר אונליבען און פערדעכטיגען אבער יעדענפאלס...

אין די דאזיגע געסלעך פערברענגט דער דורכשניטליכער איטאליענער זיין גאנץ לעבען. דא טהוט ער זיך אויסרוהען גאנצע שעה'ן, דא מאכט מען דורך דאס וועש וואשען, דא עסט מען און דא ערלעדיגט ער אלע זיינע פיזיאלאגישע פונקציעס, דא פערהאלטען זיך אייזלען און מויל-אייזלען געשפאנט אין וואגענס מיט צוויי גרויסע רעדער. דא מאכט דורך די יוגענד איהרע קינדער יאהרען, שטעקענדיג אין פיזישער און מאראלישער אומריינינקייט, לערנענדיג זיך גנב'ענען. איבערפאלענדיג אויף אויסלענדער, כדי זיי עפיס צו פערקויפען אדער ביי זיי עפיס אויסצובעטלען. ס'איז שווער דא זיך נישט צו פיהלען אין דער ראל פון א „סאהיב"...

נעאפאל איז נישט בלויז א שעהנע „קארסא קאראנדזיאלא", דאס איז נישט בלויז א פראמענאדע איבער'ן ברעג פון ים מיט איהרע שעהנע האטעלען און מאדערנע איינגעריכטעטע מוסאליני'ס קאזארמען.

עהנליך צום אמת'ן נעאפאל זענען מאנכע גאסען פון רוים, גאסען בעוואוינטע אויסשליסליך דורך יודען, זייענדיג די רעשטלעך פון אלטען געהעטא.

א וואונדערליכע עהנליכקייט לאזט זיך בעמערקען צווישען יודען און איטאליענער, און דאס אין אלע הינזיכטען.

מיר יודען פון צפון זעהען אויס ווי הונדערטפראצענטיגע אריער אין בעצוג צו די ערשטע און די צווייטע. אזוי די ערשטע ווי די צווייטע זענען זעהר עהנליך צו זיך.

ס'איז נישט דא קיין אנטיסעמיטיזם. מען קען דעם יוד נישט אונטערשיידען צווישען נישט-יוד. קיינער שטערט איהם נישט צו פערנעהמען די העכסטע אמטען, קיינער האט גארנישט דאגעגען, דאס א יוד זאל זיין א מיניסטער אדער א פראפעסאר פון אוניווערזיטעט.

קיינער איז אויך נישט געגען דאס א יוד זאל פאר דער קירך פון הייליגען פעטער פערקויפען הייליגע בילדלעך און אנדערע הייליגע געגענשטאנ-

וואס געהערט, וואס געזעהן.

אז מיר האבען נישט קיין מזל...

דוכט זיך, אז מיט 2 יאהר צוריק האט מען שוין גערעדט וועגען דער מכבי'אדע אין זאקאפאנע און פון דאמאלס אן האבען זיך די יודישע ספארטלער געגרייט צום גרויסען טאג, וואס וועט דערהויבען דעם יודישען נאמען און בעווייזען פאר די פעלקער, אז מיר זענען אויך מיט לייטען גלייך, אז מיר פערמאגען נישט בלויז גייסט, נאר אויך גבורה.

די דאזיגע מכביאדע האט געזאלט זיין א טריומף פאר'ן יודישען פאלק פון דער גאנצער וועלט און מיט מיליאנען אויגען האט מען זיך צוגעקוקט צו דעם וואס עס וועט פארקומען דארט וואו עס איז זיך צונויפגעקומען די יוגענד פון יודישען פאלק, וועלכע האט איבערגעריסען מיט דער טראדיציע, אז מיר דארפען געהן איינגעבויגען און מקבל באהבה זיין דעם עול גלות, נאר מיט אויפגעהויבענע קעפ און אויסגעגלייכטע רוקענס, מיט פעסטע מוסקולען, אזוי ווי ביי די גויים להבדיל, האבען זיי געוואלט בעווייזען דער וועלט דעם נייעם יוד, דעם יוד, וואס וויל זיך בעפרייען פון גלות אי פיזיש, אי גייסטיג.

זאקאפאנע, דאס שווייץ-ווינקעל פון פוילען, האט געהאט די זכיה אויסגעקליבען צו ווערען דארט איינצוארדנען די מכביאדע און פון אלע עקען וועלט, זענען זיך צונויפגעפאהרען די גבורי ישראל, די היינטיגע מכבי'ער, כדי צו בעווייזען זייער גבורה.

די יודישע שונאים האבען געקריצט מיט די צייהן, זיי ווייסען, אז אויב יודען נעמען זיך צו א זאך, פיהרען זיי עס אויס על צד היותר טוב, איז זיי נישט אנגעשטאנען, אז מען זאל זיך דערוויסען, אז יודען קענען אויך זייערע חכמות, האבען זיי געביילט און געשאלטען, אבער די יודען האבען זיך ווייטער געגרייט און געפאהרען קיין זאקאפאנע.

אבער דאס, וואס מענשען האבען נישט געקענט שטערען, איז געקומען די נאטור און געשטערט.

די מכביאדע איז בעשטימט געווארען אויף אנהויב לוטי, דאמאלס, ווען דער ווינטער איז אין רעכטען ברען. פלוצים האט אנגעהויבען געהן א רעגען אזוי ווי אין הערבסט. די מיה און ארבייט, די צוגרייטונגען זענען אין א גרויסער מאס געשטערט געווארען.

דאס הייסט נישט, אז די מכביאדע איז נישט פארגעקומען, יודען זענען עקשנים און טאקי מיט דער גרויסער פאמפע, אבער די פייערליכע פאראדע האט נישט געקענט זיין מיט אלעמען.

מען שמועסט אפילו, אז די מכביאדע איז געווען אסעקורירט אויף 40 טויזענד דאלאר, און איצט וועלען זיי אבנעמען די פאר זעקסערלעך, נאר איך גלויב נישט אין דער גאנצער מעשה, אויך דאס האבען אויסגעטראכט די שונאי-ישראל, ווארום איך האלט נישט, אז יודען זאלען האבען שכל צו אזא אויפטהו... אבער די מעשה אליין פאר זיך איז שעהן, אבער דאס איז א נעבען-זאך. א שאד איז וואס די יודישע גבורים האבען נישט געהאט די מעגליכקייט צו בעווייזען זייערע גאנצע גבורות, אזוי ווי מיר האבען זיך פארגעשטעלט.

אז מיר האבען נישט קיין מזל.

אויך מיר האבען א זאקאפאנע.

אויב מען רעדט שוין וועגען דער מכביאדע, וואס איז פארגעקומען אין זאקאפאנע, וואו אונזערע יודען האבען אויף די נארטען שפאצירט אזוי ווי ביי זיך אינדערהיים, וועל איך אייך ביי דער געלעגענהייט דערצעהלען וועגען א שטיק זאקאפאנע וואס ליגט ביי אונז אונטער'ן נאז און מיר האבען גארנישט געוואוסט דערפון.

דאס איז די רעזידענץ אלשטין.

לאכט נישט פון אלשטין, עס האט נאר נישט קיין מזל. ווען מען וואלט דאס דאזיגע אלשטין געפלעגט וואלט עס פערטרעטען זאקאפאנע אין מיניאטור.

עס האט הערליכע בערג און א גרויסארטיגע געגענד, לאנדשאפטען א. א. וו.

די היגע „ווארטא", וועלכע האט איינגערינדעט א סקי - גרופע האט טאקי ענטדעקט דאס אלשטין און ווען זיי זענען ארויסגעפאהרען א קוק טהון וואס עס הערט זיך, האבען זיי דארט שוין אנגעטראפען אנדערע פוילישע קלובען, וועלכע האבען גאנץ געשמאק זיך געגליטשט און בעוויזען זייערע וואונדער,

פון דאמאלס אן פאהרען ארויס יעדען זונטאג עטליכע הונדערט ספארטלער און ארבייטען דארט מעשים. אויך אונזערע יודישע ספארטלער, די „ווארטא" מאכען דארט זייערע ווינטער-איבונגען.

די ספארטלער זענען גאר ענטציקט פון אלשטין און רופען עס אן קליין-זאקאפאנע.

עס וואלט נאר געווען א יושר, אז מען זאל זיך דערבארימען איבער אונזער אלשטין און עס א נאמען געבען קליין-זאקאפאנע.

אט אזוי זעהט עס אויס.

אין די היגע שוהלען דאווענען די חזנים אהן כאר-בעגלייטונג. די סיבה דערפון איז מסתמא—קריזיס.

צי עס דארף אזוי זיין, וועל איך איצט נישט בעהאנדלען, דאס איז א בעזונדערער ענין. איך וויל דאסמאל נאר איבערגעבען, ווי אזוי עס זעהט אויס אויף פייערונגען אהן כאר.

יענע וואך איז דאס געווען, מען האט אבגעריכט פייערליכע תפלות לכבוד דעם געבורטס-טאג פון מלוכה-פרעזידענט.

ה' פישעל אין דער נייער סינאגאגע און ה' באראש אין דער אלטער שוהל הויבען אן די תפילות און ווען עס קומט צום בעגלייטען ביים ויהי בנסוע אדער שפעטער, איז שטיל און ס'דאכט זיך אויס, אז מען ארדענט עפיס איין א טרויער-אקאדעמיע, וואו עס מוז הערשען שטילקייט און רוה.

ערשט, ווען מען האלט ביים לעצטען פסוק, ביים פוילישען הימן פועל'ט מען ביי די שילער, וועלכע זענען געקומען אין שוהל אריין, אז זיי זאלען זינגען.

ווען אין דער סינאגאגע האט עס זיך נאך ווי עס איז איינגעגעבען האט עס אין דער שטאדט-שוהל אויסגעזעהן ווי א חוזק.

ה' באדאש שטעלט זיך אוועק ביי די שילער און הויבט אן צו זינגען „יעשטשע פאלסקא" און זיי הויבען אן מיטצוזינגען, אין מיטען אבער הערען זיי אויף און ער זינגט אליין.

די שטימונג איז געווען א פיינליכע און יעדער איינער האט זיך געשעהמט פאר'ן אנדערען, נאר די איינציגע, וועלכע האבען טריומפירט, זענען געווען די גבאים. אט זעהט, האבען זיי זיך געטראכט, ווי אזוי עס זעהט אויס א פייערליכע צערעמאניע אהן כאר.

דער פרעזעס מיט עטליכע פערוואלטונגס - מיטגלידער זענען געווען אין דער שטאדט-שוהל און האבען זיך איבערצייגט, ווי אזוי דאס זעהט אויס, אפשר וועט דאס פועל'ן, אז זיי זאלען

צו וואָס באַנוציגט מען נאָך מענשען?

די טעכניק בלייבט נישט שטעהן. פון טאָג צו טאָג ווערען געשאַפען נייע מאַשינען, וואָס ברענגען דערצו, אַז מענשליכע הענד זאָלען ווערען גאַנץ איבעריג. ווער ס'קוקט זיך צו צו די נייע גרויסע ערפינדונגען, וואָס וועלען איצט זיין צו זעהן אויפ'ן לייפּציגער יריד, דער מוז זיך אָנכאַפּען ביים קאָפּ און פרעגען: צו וואָס באַנוציגט מען נאָך מענשען?

פאַר אַלערליי אַרטען פון פאַבריקאַציע זענען אין דער לעצטער צייט געשאַפען געוואָרען מאַשינען, וואָס מאַכען אינגאַנצען איבעריג די מענשליכע הענד. אַט וועט מען אויפ'ן יעצטיגען לייפּציגער יריד ווייזען מאַשינען, וועלכע צעשמעטערן בערג אין אַ גאַנץ קורצער צייט. דאָס וואָס מענשען האָבען געמוזט בויערן לעכער, אונטערלעגען דינאַמיט, אָנציגדען און וואַרטען ביז דער באַרג איז ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צעשאָטען געוואָרען, וועט יעצט אינגאַנצען אויפהערען. די מאַשין ווערט אָנגעפּולט מיט דינאַמיט אָדער שפּרינג-שטאָף, דערנאָך בויערט מען זי צו צו דער שטעלע, וואָס זאָל צעשאָסען ווערען אין אַ גאַנץ קורצער צייט ווערט אַ באַרג צושאָסען אויף פּיצלעך. וואָס דאָס בעדייט פאַר די אַרבייטער פון די פערשידענע אַרטען פון באַרג-פּראָדוקציע קען מען זיך קוים פאָרשטעלען.

פאַר דער צעראַמישער אינדוסטריע למשל וועלען זיין צו זעהן אויפ'ן יריד נייע מאַשינען, וועלכע וועלען קענען אַרויסברענגען אין אַ שעה אַנ'ערך 10 טויזענד ציגעל. דערצו וועט מען בענויטיגען צוואַנציג אַרבייטער. ביז-איצט האָבען צוואַנציג אַרבייטער אין אַ שעה פערטיג געמאַכט בלויז 4 הונדערט ציגעל.

אין יעדער גלאָז-פאַבריק האָט מען בענויטיגט אַרבייטער, וואָס האָבען געמאַכט אַ בעזונדערע סאָרט פון פערפוצעכץ.

איצט וועט מען אויפ'ן לייפּציגער יריד זעהן אַ מאַשין, וואָס מאַכט מיט אַמאָל 24 פערשידענע פערפוצונגען אויף 24 פערשידענע חפצים. אַזאַ מאַשין וואַרפט אַרויס 24 מענשען פון זייער טעגליכער בעשעפטיגונג.

אין גרויסע ביער-ברויערייען אָדער אין וויין-קעלערס זענען בעשעפטיגט אַרבייטער, וואָס צאַפּען דאָס ביער אָדער דעם וויין אין פלעשער, מ'מוז די פלעשער וואַשען, פולען, דערנאָך קאָרקעווען, אויפקלעבען די עטיקעטען ובדומה קלייניגקייטען. אין אַ שעה האָט איין אַרבייטער פערטיג געמאַכט אַנ'ערך 50 פלעשער.

די מאַשין, וואָס וועט איצט זיין צו זעהן אויפ'ן לייפּציגער יריד, וועט נישט נאָר אַליין פולען די פלעשער, נור תיכף טאַקי פערקאָרקעווען און אויפקלעבען די עטיקעטען. דער אַרבייטער וועט נור בעדאַרפען אויפשטעלען און אַראָבנעמען די פלעשער. אויף אַזאַ אופן וועט איין אַרבייטער פערטיג מאַכען אין אַ שעה ערך 300 פלאַשען, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: אַנשטאָט ווי ביז-איצט 6 אַרבייטער, וועט גענוג זיין איינער צו דער מלאכה.

די נייע מאַשינען צו מאַכען פּאַפּיר-זעקלעך וועלען בכלל אַלץ מאַכען אָהן מענשליכע הענד. די מאַשין שניידט דאָס פּאַפּיר אַליין, קלעבט די זעקלעך און בינדט זיי צונויף צו הונדערט און צו טויזענד. קיין שום מענש האָט דערביי נישט וואָס צו טהון. מ'מוז נאָר אָנשטעלען די גרויס, וואָס מ'וויל האָבען די זעקלעך און צו וויפיעל די פּעקלעך זאָלען זיין געפּאַקט און פון צייט צו צייט מוז מען נאָר אוועקטראָגען די פּעקלעך, וואָס די מאַשין וואַרפט אַרויס. די מאַשין דרוקט אַלערליי אויפשריפטען, וואָס מ'זעצט צונויף. מענשליכע הילף איז גאַנץ איבעריג.

אויך די נייע וועב-שטוהלען, וואָס וועלען זיין צו זעהן אויף דער גרויסער טעקסטיל-מעסע אין לייפּציג, וועלען פערדרענגען אינגאַנצען די מענשליכע אַרבייט.

פון אָנהויב ביז צום סוף וועלען די מאַשינען אַרבייטען אַליין און איין מאַשיניסט וועט גענוג זיין פאַר ערך 40 וועב-שטוהלען. ער האָט נור אַ קוק צו טהון פון צייט צו צייט און צו פערבעסערן אויב עפּיס אַ מאַשין מאַכט אַ פעהלער.

בכלל וועט מען אין אַזאַ גרויסער וועבעריי, אין וועלכער מ'האָט געמוזט האָבען הונדערטער אַרבייטער, נישט זעהן קיין איינציגען מענש.

ז. האַבער

מערקווירדיגע קאַריערע פון אַ שפּאַנישען יוד, וואָס האָט זיך בעזעצט אין ארץ-ישראל.

(סוף).

ווען ער האָט שוין געשאַפען די פערבינדונגען איז די אַרבייט געוואָרען פיעל לייכטער און די געשעפטען זענען זוועק גוט, אויף אַזוי פיעל גוט, אַז שוין דאָס ערשטע יאָהר האָט ער פערדינט היבשע עטליכע הונדערט פונט אויף זיין חלק. די געשעפטען זענען טאַקי געגאַנגען גוט, אָבער די אַרבייט איז געווען אַ שווערע. עס איז כמעט אונמעגליך געווען איבערצופיהרען געלד פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער. פון יפו קיין ירושלים האָט גענומען אַ פּאָר טעג מיט דער פוהר. דער וועג איז געווען פול מיט רויבער, האָט טאַקי איינמאָל געטראָפען, אַז אַ באַנדע גזלנים האָט אָבגעוואַרט אויף אַ טראַנספּאָרט געלד, וואָס איז געגאַנגען פון יפו קיין ירושלים, געלד, וואָס האָט געהערט צו דער באַנק און געמאַכט אַנ'אָנפאַל. די סומע פון צוגערויבטען געלד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען געפונט עס נישט, וואָלט די באַנק געווען אַנגעזעצט און עס וואָלט פערפאַלען געגאַנגען נישט נאָר דאָס געלד פון די בעלי-בתים, נאָר שווערע געלדער פון די קליענטען.

גלייך נאָכדעם ווי דער רויב-אָנפאַל איז דורכגעפיהרט געוואָרען איז וואַלעראַ אַוועק צו זיין פריינד דעם פּאַשאַ. דעם טערקישען גובערנאַטאָר פון ירושלים און דיסטריקט און האָט געפאָדערט פון איהם, ער זאָל איהם געפינען דאָס געלד. דער פּאַשאַ האָט זיך אָביסעל דערשראָקען, ערשטענס איז דאָס אַ באַנק, צווייטענס איז די צוגערויבטע סומע געווען גאָר אַ גרויסע און דריטענס איז דער וואַלעראַ געווען אַנ'עסטרייכישער אונטערטאַן און דער עסטרייכישער קאָנסול האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך. הכלל, דער פּאַשאַ האָט געגעבען דעם שאַרפסטען בעפעהל דער פּאָליציי דאָס געלד זאָל געפונען ווערען אָהן שום תירוץ.

האָט די פּאָליציי גענומען אַנ'אָבטיילונג פון 50 מענשען אויף פערד מיט דער פולער אַמוניציע און זיי אַריינגעשיקט אין דאָרף ליפטאַ, וואָס איז פון שטענדיג אַן געווען בעריהמט מיט זיינע אויסוואורפען. דאָס דאָרף געפונט זיך הינטער ירושלים, נישט ווייט פון פּלאַץ, וואו דער רויב-אָנפאַל איז פאָרגעקומען. די אָבטיילונג פון פּאָליציי איז שטיל און רוהיג אַריין אין דאָרף און דער אָפיציר האָט ערקלערט די איינוואוינער, אַז ער מיט זיינע מענשען וועלען דאָ זיין אויף דעם חשבון פון דאָרף ביז דאָס געלד וועט זיך נישט אָבזוכען.

פערציג טאָג איז דאָס דאָרף געווען אָקופּירט דורך דער פּאָליציי און עס האָט געהאַלטען ביי חרוב ווערען, האָבען די דאָרף-איינוואוינער גענומען אויף זיך די ראָל פון דעטעקטיוען און זיי האָבען אויסגעפונען ווער עס האָט צוגעראָבעוועט דאָס געלד און וואו עס ליגט בעהאַלטען. דער באַנק האָט מען אומגעקעהרט דאָס געלד און קיין פּרוטה האָט נישט געפעהלט.

דער פאַל איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע יאָהרען און גיט אַ בעגריף וועגען דעם, ווי אַזוי די טערקען האָבען רעגירט איבער ארץ-ישראל אָבער נישט דאָס זענען מיר אויסען.

נאָכדעם, ווי דאָס געלד האָט זיך געפונען, האָט די באַנק ערשט אָנגעהויבען צו בילדען, זי איז געוואָרען גרויס און רייך. אַלע קאָנסולען, אַלע פערטרעטער פון אויסלענדישע מלוכות האָבען דורכגעפיהרט זייערע געלד-אָפּעראַציעס דורך דער באַנק. אויך די צענטראַלע טערקישע רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבען צו בענוצען מיט דער באַנק אַלס אַ מלוכה-באַנק. זי האָט געקריגען דעם אָפיציעלען נאָמען „באַנק אָטאָמאַן". אַזוי האָט עס געדויערט ביז פאַר דער מלחמה, ווען עס איז אין ירושלים געגרינדעט געוואָרען אַנ'אָבטיילונג פון דער טערקישער מלוכה-באַנק.

אָבער נישט בלויז מיט באַנק-אָפּעראַציעס האָט זיך דער אַלטער וואַלעראַ פערנומען, ער האָט געליהען געלד אויף הייזער און באָדען, און ער האָט אַליין געקויפט באָדען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געקויפט אַ סך לאַנד אויסער די מויערען פון דער אַלטער שטאָדט. ער האָט געזעהן אַז די אַלטע שטאָדט ווערט צו קליין פאַר איהרע איינוואוינער, אַז זי וועט זיך מוזען אויסברייטערן, האָט ער אָבגעקויפט אַ סך פלעצער, וועלכע געפונען זיך איצט אין צענטער פון דער נייער שטאָדט. ער איז אויך געווען דער ערשטער צווישען די יודען, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אַ שטוב אויסער דער חומר און איז אריבערגעגאַנגען אָהין וואוינען. און נאָך איהם, מיט אַ סך יאָהר שפּעטער האָבען זיך צונויפגעקליבען זיבען יודען פון דער אַלטער שטאָדט און געגרינדעט דעם ערשטען קוואַרטאַל אויסער דער אַלטער שטאָדט דעם קוואַרטאַל „נחלת שבע".

ווען ער איז אַלט געוואָרען און נישט געקאָנט ווייטער פיהרען די געשעפטען האָט ער זיך אָבגעטיילט פון זיין קריסטליכען שותף, האָט איהם אויסגעצאָהלט זיין חלק און דאָס גאַנצע געשעפט איבערגעגעבען זיין עלטסטען זוהן. דער איז שוין געווען אַ סוחר פון אַ גאָר גרויסען פערנעהם. אין דער תקופה איז די באַנק געוואָרען גאָר גרויס און רייך. צו דער צייט איז ער אויך געוואָרען דער אָפיציעלער פערטרעטער פון דער עסטרייכישער מלוכה-באַנק, ווען דער קייזער פראַנץ יאָזעף איז געקומען אויף בעזוך קיין א"י, איז וואַלעראַ פאַרגעשטעלט געוואָרען דורך דעם עסטרייכישען קאָנסול פאַר דעם קייזער און דער לעצטער האָט איהם בעשאָנקען מיט אַנ'אָרדען.

אַ צווייטען אָרדען האָט ער געקריגען פון דעם רוסישען צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטען פאַר פאָלגענדען: דער רוסישער פּאַטריאַרך האָט געוואָלט אָבקויפען אַ שטיקעל פּלאַץ וואָס איז, לויט דער פּראַוואָסלאַוונער מסורה פערבינדען מיט דעם לעבען און ליידען פון יעזוס'ן. דעם פּלאַץ האָט מען אָבער בשום אופן נישט געקענט קויפען, ווייל עס איז געווען אַ מוזולמענישער „וואַקף" (הקדש), און אין יענע יאָהרען איז אַ „וואַקף" געווען אַזוי הייליג, ווי אַ מתנה פון מאַכמעד'ן אַליין.

נאָך לאַנגע און ערפאָלגלאָזע בעמיהונגען צו שטעלען זיך אין דירעקטער פערבינדונג מיט די ממונים אויף דעם „וואַקף" האָט זיך דער רוסישער פּאַטריאַרך געווענדעט צום באַנקיר וואַלעראַ ער זאָל איהם אַרויסהעלפען, עס זאָל אַפילו קאָסטען דעם קייזער'ס אוצרות. און דער יודישער באַנקיר וואַלעראַ האָט איהם געהאָלפען. ער איז פריהער אַוועק צו זיין פריינד, דעם פריהערדיגען מופתי, דערנאָך צום פּאַשאַ און דערנאָך זיך געווענדעט דורך דער באַנק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וואַלעראַ'ס באַנק איז געווען רייך און די רוסישע רעגירונג נאָך רייכער, האָט מען געשמירט אויף אַלע זייטען, די נויטיגע רעדער זאָלען זיך דרעהען. עס איז אָבער געווען אַ שווערע מאַשין, די טערקישע און די זאַך איז געווען פערבינדען מיט אַ הייליגען שטיקעל פּלאַץ, איז דער ענין געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם און נור נאָך עטליכע יאָהר שווערע מיה און גרויסע קאָסטען איז די זאַך געקומען צו אַ צופרידענשטעלענדען רעזולטאַט. אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז געקומען אַ בעפעהל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל צום ירושלים'ער פּאַשאַ, ער זאָל פערקויפען דאָס שטיקעל באָדען צום פּאַטריאַרך.

ווען די טראַנזאַקציע האָט זיך געענדיגט בכי טוב זענען צו וואַלעראַ'ן געקומען די אָנגעזעהענסטע רוסישע פערשטעהער, וואָס זענען געווען אין ארץ-ישראל מיט דעם פּאַטריאַרך אין דער שפּיץ, און האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גרויסען זאַק. דעם זאַק האָט מען אונטערגעטראָגען וואַלעראַ'ן ווען ער האָט איהם געעפענט, האָט ער דערזעהן אַז דער זאַק איז פול אָנגעשטאָפּט מיט רוסישע פּאַפּירענערובלען. אָבער וואַלעראַ האָט זיך אָבגעזאָגט פון צו נעמען דאָס געלד. וויפיעל מען האָט זיך ביי

דען.

דאָס איז דאָס פערדיגסט פון פאָלק זעלבסט און פון מוסאָלינין.

פון די פריערע צייטען לאָזט זיך זאָגאַר בעמערקען געוויסע רעשטלעך פון אונצוטרוי צום יוד,

ווען איך האָב איינמאָל געקויפט עפּיס אין איטאַליען אויף דער גאַס, די הענדלערין האָט געהאַט אַנ'איינדרוק דאָס איך בין אויפמערקזאַם אויף דער ריכטיגקייט פון דער וואָג און מיינענדיג אַזוי, האָט זי שנעל געמאַכט פאָלגענדע בעמערקונג:

„מיר קען מען גלויבען — דען נאָר דער „דזיזי" (יוד) דאַ געגענאיבער גענאַרט"...

געוויס הערט מען אַזעלכע מיינונגען אין איטאַליען זעהר ווייניג, אָבער זיי זענען פאַרהאַן...

די צייט וועט דאָך געוויס מאַכען דאָס ווייניגער.

אין דער וואַנדערונג איבער רוים בין איך צוגעגאַנגען צו די קאַטאַקומבען. נישט ווייט פון די קריסטליכע זענען די יודישע. די ערשטע ווי די צווייטע זענען איבערגעקומען הונדערטער יאָהרען.

דאָס אַלטע רוים מיט בלוט פערגאָסען, וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זיינע קאַטאַקומבען וועלען זיין אַ געגענשטאַנד פון טוריסטישער פעראינטערעסירונג, ווי אויך זיין פּאָפּולערער „פאָרום". ער וואָלט נישט געגלויבט זיך, אַז די אָבגעשטאַרבענע אַנדענקונגען וועלען זיין די היים פון אויסטערלישע איינוואוינער...

אונטער יעדער קאָלומנע זענען פאַרהאַן גאַנצע גרופּען קעץ.

ווען עס דערנענטערט זיך די נאַכט הערט מען אונטער די קאָלומנעס רופען: „מאַנדזיאַ אי קאַטטי, מאַנדזיאַ"! עס וועקען זיך די פּוילע גלייכגילטיגע פערחלומטע קעץ — פלינק לויפען זיי אַראָב און כאַפּען שטיקלעך עסען, וועלכע עס וואַרפען זיי די אַלטע איטאַליענעריגס,

„Sic transit gloria mundi" ..

זיך בעמיהען, אַז אַזאַ שטענדיגער כאָר זאָל אין דער שטאָדט-שוהל יאָ זיין.

וואו טהון זיי דאָס אַלץ אוועק?

אַלע בירגער בעקלאָגען זיך אַז דער סקאַרב מאַכט זיי חרוב, ווען נישט דער סקאַרב—טענה'ן זיי—וואָלט מען געקענט לעבען, ווארום זיי נעמען צו דאָס גאַנצע געלד.

מילא, אויפ'ן סקאַרב, אַז ער נעמט פּאַדאַטקעס קען מען נישט האָבען קיין פּעראיבעל, ווארום דאָס איז דאָך דער מלוכה-אוצר און זיי מוזען ווייטער אויסצאָהלען, אַזוי דרעהט זיך דאָס רעדעל, יעדענפאַלס קיין עודף פון כסף איז ביי זיי נישטאָ.

מיך אַרט אָבער אַנ'אַנדערע זאַך. זאָגט מיר רבותי, וואָס טהון זיי מיט'ן מעבעל און וואו טהון זיי עס אוועק?

ווען מען שפּאַצירט אין גאַס זעהט מען ווי די בעריהמטע „עגלה" פיהרט מעבעל. מעבעל? אַלטע גראַטעס, צובראָכענע שענקלעך און צופוילטע טישען און אַזוי פאָהרען זיי פון הויז צו הויז און אומעטום שלעפּט מען עפּיס אַרויס און ווען די „עגלה" איז פול פיהרט מען עס אין סקאַרב אַריין.

זאָגט וואָס איהר ווילט, מיין מח קען דאָס נישט פערשטעהן, וואו טהון זיי דאָס אַלץ אוועק?

פאַרוואָס שווייגט דער בעל-הבית?

עטליכע לאָקאַטאָרען פון נאַדזשעטשנאַ 14 זענען געקומען צו אונז אין רעדאַקציע און האָבען דערצעהלט פאָלגענדעס:

דאָנערשטאָג ביינאַכט האָט מען ביי עטליכע יודישע לאָקאַטאָרען (עס וואוינען דאָרט סאַמע יודען) אויסגעהאַקט די שויבען און געמאַכט וויסטע אוואַנטורעס.

זיי זענען חושד דעם אָרטיגען סטרוזש, וועלכער איז געווען דיזועלבע נאַכט שיכור.

ווען זיי האָבען זיך צומאָרגענס געוואָנדען צום יודישען בעל-הבית און איהם דערצעהלט וועגען די מעשים תעתועים פון סטרוזש האָט ער געצויגען מיט די פּלייצעס און נישט רעאַגירט. די לאָקאַטאָרען האַלטען, אַז פאַר'ן ווירט איז דער סטרוזש זעהר צוגעפּאַסט, ווייל ער נעמט פון איהם געלד.

די דאָזיגע אַוואַנטורעס חזר'ן זיך אָבער איבער און מיר פרעגען דעם בעל-הבית פאַרוואָס ער האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגט?

אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע ברירה.

אויף סענאַטאָרסקאַ גאַס וואוינט אַ יוד, וועלכער פערמאָגט אַ פרוי מיט עטליכע קינדער און הייסט ישעיהו ש. (איך וויל נישט אַרויסשרייבען דעם גאַנצען נאָמען, צו וואָס מבייש זיין די פאַמיליע?)

פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ אָנגעשטעלטער, שפּעטער ווען דאָס געשעפט איז ליקווידירט געוואָרען האָט ער לאַין ברירה געמוזט ווערען אַ טרעגער. כאָטש לויט זיין קענטעניס און זיין אינטעליגענץ, האָט ער זיך געקענט בעשעפטיגען מיט אַנ'אַנדערע אַרבייט, ער האָט אָבער געאַרבייט שווער אבי מפרנס צו זיין זיין הויז-געזונד, אַזוי האָט עס זיך געצויגען ביז עס איז אויסגעבראָכען דער וועלט-קריזיס.

די קינדער זייערע האָט ער לויט'ן יכולת געלאָזט לערנען און אויך האָט ער זיי אויסגעלערנט שפּיעלען פידעל און אַ סך מאָל, ווען עס איז נישט געווען קיין ברויט אין שטוב, האָט דער פאָטער מיט די קינדער זיך גענומען פאַר די כלים (דער אַלטער האָט געשפּילט אויף אַ פלייט, וואָס ער האָט זיך נאָך אויסגעלערנט אין מיליטער) און מען האָט געשפּילט, אַז די גאַנצע גאַס האָט אָנגעקוואָלען (זאָל קיינער נישט וויסען די צרות...) לעצטענס אָבער, ווען די נויט האָט זיך שוין אַריינגעריסען דורך טהיר און טויער האָבען זיי זיך געוואָנדען צו זייער פאַמיליע אין אַמעריקאַ, ער האָט דאָרט רייכע שוועסטער, ווי אויך ברידער נאָך שטיצע, אָבער אין קול ואין עונה, מען האָט זיי אַפילו נישט געענטפערט, האָט ער לאַין ברירה אַרויסגעשיקט די קינדער איבער דער וועלט מיט די פידעלעך, וועלכע האָבען געשפּילט איבער די הויפען און פון דעם האָבען זיי זיך דערנעהרט. ווינטער אָבער קאָנען זיי דאָס אויך נישט, זיצען זיי אַלע און הונגערן.

דער פאָטער האָט אָבער נישט געקאָנט צוקוקען דעם צער פון די קינדער. וועגדען זיך צו די הילפס-אינסטיטוציעס קאָן ער נישט, איבעריגענס, וויסט ער, וואָס מען קאָן פון זיי דערוואַרטען. האָט ער גענומען די פלייט אונטער'ן אָרעם און זיך אַרויסגעלאָזט איבער שטעדט און שטעדטלעך, כדי צו שפּילען אויף די הויפען, און ביים געזעגענען זיך האָבען פון זיינע אויגען געגאָסען טרעהרען, און זיינע קינדער האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיצען אינדערהיים, ער וועט שוין שיקען גענוג געלד, און טאָמער הס ושלום נישט, זאָלען זיי אויך אַרויספאָהרען און אַלע צוזאַמען זאָלען שיקען אַהיים געלד, כדי צו שטיצען די מוטער און די קליינע קינדער.

איך האָב אייך דערצעהלט אַ קליינעם אמת'ן עפּיזאָד, כדי אייך צו ווייזען ווי אַזוי מענשען קעמפּפען אין דער איצטיגער צייט פאַר אַ שטיקעל ברויט.

און נאָך בין איך אויסען, אַז טאָמער וועלען די דאָזיגע שירות צוקומען צו דער רייכער פאַמיליע אין אַמעריקאַ, זאָלען זיי זעהען, אַז מיט זייער ענגהאַרציגקייט האָבען זיי צוגעפיהרט אַנ'אָנשטענדיגע פאַמיליע, זייער אייגען בלוט און פלייש צו אַזאַ צושטאַנד.

ער האָט געהן געוואָלט אַרבייטען בכבוד, אַז ער האָט אָבער נישט געהאָט קיין אַנדערע ברירה.

לויתן.

איהם נישט געבעטען. ער האט גע'טענה'ט, אז ער האט בלויז געטון פאר זיינע קליענטען, וואס יעדער באנקיר וואלט געטון, אז ער וועט זיין גליקליך צו העלפען די רוסען, ווען נאר זיי וועלען זיך נויטיגען אין זיין הילף.

די רוסען זענען געווען זעהר פערוואונדערט, וואס דער יודישער מעקלער האט נישט געוואלט נעמען קיין געלד פאר זיין טרחה, און נאך מעהר זענען זיי געווען איבערראשט, וואס ער האט עס געמיינט נישט אויף קאטאוועס. איז פאר גרויס התפעלות האבען זיי אוועקגעשיקט א מעמאראנדום צו דער רוסישער רעגירונג, אין וועלפען זיי האבען געבעטען מען זאל דעם ירושלים'ער יודישען באנקיר וואלערא בעשענקען מיט א ארדען. זייער השתדלות האט געהאט ערפאלג און וואלערא איז בעשאנקען געווארען מיט א וולאדימירער ארדען, וועלכער ווערט נאך עד היום אפגעהיט ווי א רעליקוויע אין די משפחה-ארכיווען.

דער באנקיר וואלערא איז געשטארבען גלייך נאך דער מלחמה אין טיעפען עלטער. ער האט איבערגעלאזט זיינע קינדער א ירושה פון קנאפע 3 מיליאן דאלאר. אבער די זיהן האבען זיך נישט פערנומען מיט די באנק-געשעפטען. איינער, דער עלטערער, האט געענדיגט אויף אדוואקאט אין דער שווייץ און דער צווייטער איז געווארען א דאקטאר-מעדיצין. ביידע וואוינען זיי אין ירושלים און זענען אנגעזעהענע מענשען.

דער עלטערער וואלערא, משה הייסט ער, איז גלייך נאכדעם ווי די ענגלענדער האבען אקופירט פאלעסטינא, בעשטימט געווארען פון דער ציווילער מאכט אלס ריכטער אין העפסטען געריכט פון לאנד. ער פערנעמט נאך דעם פאסטען ביז אויף היינטיגען טאג. פאר די צוועלף-דרייצען יאהר, וואס ער איז ריכטער, האט ער זיך ערווארבען סימפאטיע און אנערקענונג סיי צווישען די יודען, סיי צווישען די אראבער, ווי אויך ביי די ענגלענדער.

דער ריכטער משה וואלערא האט זיך צוריקגעצויגען פון דעם יודישען געזעלשאפטליכען לעבען. ער האלט, אז מיר יודען זענען א סך שולדיג אין דעם, וואס די בעציהונגען מיט די אראבער זענען אזוי פערשארפט געווארען. אין דעם געשפרעך, וואס איך האב געהאט מיט איהם, האט ער מיר ענטוויקעלט א גאנצע טעאריע, ווי אזוי ער שטעלט זיך פאר די יודיש-אראבישע בעציהונגען. די ראהמען פון דעם בריף ערלויבען מיר ליידער נישט זיך גענויער אבצושטעלען אויף דעם. עס איז אבער אינטערעסאנט, וואס ער טראכט וועגען דער ראלע, וואס די יודען האבען געדארפט שפילען אין דער יודיש-אראבישער פערשטענדיגונג. ער בעדויערט, וואס די ציוניסטישע עקזעקוטיוועס אין לאנדאן און אויך אין ארץ-ישראל האבען נישט פערשטאנען צוצוציהען די ארטיגע יודען די געבוירענע און פרצויגענע אין ארץ-ישראל, די וואס קענען גוט די אראבער און ווייסען ווי צו האנדלען מיט זיי, וואס מען האט די יודען נישט צוגעצויגען צו דער ארבייט פון שאפען געזונדע און נארמאלע בעציהונגען צווישען די יודען און אראבער. א סך מיספערשטענדנישען און א סך אומגליקען, האלט ער, וואלטען אויסגעמיטען געווארען, ווען די פאלעסטינער יודען וואלטען געפיהרט די אראבישע פאליטיק.

און כאטש ער, דער ריכטער וואלערא, האט זיך אינגאנצען צוריקגעצויגען פון געזעלשאפטליכער ארבייט, וואלט ער דאך געפונען צייט צו טון די וויכטיגע נאציאנאלע ארבייט פון אויסגלייכען און פערבעסערען די בעציהונגען צווישען ביידע שכנים. ער ווארט נאר אויפ'ן ערשטען רוף צו נעמען זיך צו דער ארבייט.

ק. באזיליאנסקי.

פון האנדווערקער לעבען.

פערגאנגענע וואך זענען פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונגען פון פאלגענדע צעכען ביים יודישען האנדווערקער-פערבאנד.

שניידער-צעך.

די פערזאמלונג עפענט דער סטארשי ה' ש. גראנעק. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' מ. סטאווסקי, אלס בייזיצענדע די ה"ה: גרינבערג, פיעפוש און בארקאווסקי, אלס סעקרעטאר ה' א. ווינער.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' א. פרירמאן. דעם קאסע - בעריכט גיט אב ה' דזיארע. דער בעריכט ווערט אנגענומען און אויך דער בודזשעט אין דער הויך פון 1500 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי ש. גראנעק, פערטרעטער א. פרידמאן, אלס פאדסטארשעס די ה"ה: סידיצקי און ווין אין דער פערוואלטונג: ל. זיידמאן, ש. קאץ, ל. גראהמאן, א. פלאמענבוים, מ. קאץ, ל. וואלפאוויטש, דזיארע, פיעפוש פאסלאניעץ, ווישליצקי, הייגפריד. פערטרעטער: בולווא, טיפענבערג און מ. פייגענבלאט.

צעך פון לעדער-אינדוסטרי.

דער סטארשי ווייס עפענט די פערזאמלונג. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' א. ווינער, בייזיצענדע מ. יאקובאוויטש, און מ. שער, סעקרעטאר א. פייעס.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' א. ווייס און ה' פרייערמויער דעם קאסע-בעריכט גיט אב ה' א. ווינער.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 350 זל. ווערט בעשטעטיגט.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי א. ווייס, פערטראטער מ. בערמאן, פאדסטארשי ה. פריירמויער און א. דאדפינאנג.

אין דער פערוואלטונג: מ. דזיאלאווסקי, גליקערמאן, ה. ליפשיץ, י. ווייס ג. מונאוויטש, א. יארקאוויזנא, א. פייעס, הערשליקאוויטש און פיש. פערטרעטער: פוקס, דזיאלאווסקי און באַרמהערציג.

טישלער-צעך.

די פערזאמלונג עפענט סטארשי ה' ל. קאץ אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' לאנדסמאן, אלס בייזיצענדע ה"ה גוטערמאן און פיקסעל.

דעם טעטיגקייטס - בעריכט גיט אב ה' ל. קאץ.

דער בודזשעט אין דער סומע פון 253.65 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגעזדען רעזולטאט: סטארשי ל. קאץ, פערטרעטער קאניעצפאלער, פאדסטארשעס זעלצער און עפשטיין. אין דער פערוואלטונג: מ. ה. זעלצער, פ. דיאמאנט, ווילהעלם, גוטערמאן, ראזענבלום, ראזענצווייג, מערין, קליינער, פייפער. פערטרעטער: א. ראטשילד, איזראעלאוויטש און א. פיקסעל.

עס ווערט אויך, צווישען אנדערע, בעשלאסען זיך צו בעמיהען צו בעקומען סערטיפיקאטען פאר די מיטגלידער קיין א"י און אויך צו מאכען א צעך-פאהן.

קירזשנער און היטעלמאכער-צעך

די פערזאמלונג עפענט סטארשי פרייערמויער. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' מ. איידעלמאן, אלס בייזיצענדע די ה"ה בלומענפעלד און בירנבוים.

דעם טעטיגקייטס - בעריכט גיט אב ה' זיידמאן.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 260 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי ה' פרייערמויער, פערטרעטער ה' ראזענבערג, פאדסטארשעס ה"ה זיידמאן און בלומענפעלד. אין דער פערוואלטונג: שטארקמאן, פלאצקי, ווייסמאן, בירנבוים, ק. ראזענצווייג. אלס פערטרעטער: בורגמאן, אבערמאן, בענדעט.

פריזיר-צעך.

די פערזאמלונג עפענט סטארשי י. גאלדבערג. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט א. ווינדמאן, אלס בייזיצענדע ריכנער און כאסקלאוויטש, סעקרעטאר פוקס.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' י. שענוואלד, דעם קאסע - בעריכט ה' מסטאווסקי.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 425 זל. הכנסה און 370 זל. הוצאות ווערט בעשטעטיגט.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי ה' יוסף גאלדבערג, פערטרעטער ה' יוסף שענוואלד, אלס פאדסטארשעס: ה"ה מיטלער און גרויזאם. אין דער פערוואלטונג: פיקס, לעווי, יחיאל מסטאווסקי, ניישטעטער, ריכנער, לעווקאוויטש.

מעטאל-צעך.

די פערזאמלונג עפענט סטארשי ה' גאטליב. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' האמבורגער, בייזיצענדע אלבערט און פישמאן, סעקרעטאר מ. דזיאלאווסקא.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' א. גאטליב. דער בודזשעט אויף דער סומע 330 זל. און הוצאות 305 ווערט בעשטעטיגט.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי א. גאטליב, פערטרעטער וו. לאנצמאן, פאדסטארשעס ח. ברוין און שטשעקאץ, אין דער פערוואלטונג: פאמעראנץ, ראזענזאן, אלבערט, שפאלטען, בראנדעס, גאטעסמאן, בורשטין. פערטרעטער: באלזאם, ראזענצווייג און זשעזמער.

בלעכער און דעקער צעך.

די פערזאמלונג עפענט סטארשי מ. בלום. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' י. הויפטמאן, בייזיצענדער ה' שלימער, סעקרעטאר פריימאן.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' בלום, קאסע-בעריכט ה' פריימאן.

דער בודזשעט אויף 125 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי בלום, פערטרעטער פריימאן, פאדסטארשעס: שאכער און כאסקלעוויטש. אין דער פערוואלטונג: ווארשאווסקי, יעשאנעק, שלימער, פיעכאטע. פערטרעטער: הויפטמאן, ש. דאניעלעוויטש.

טאפיציר-בערשטער-צעך.

די פערזאמלונג עפענט סטארשי ה' י. שטייער. אלס פארזיצער ווערט געוועהלט ה' פרענקעל, אלס בייזיצענדע בירנצווייג און שנייער.

דעם טעטיגקייטס - בעריכט גיט אב ה' י. שטייער, וועלכער ווערט אנגענומען. אויך דער בודזשעט אויף דער סומע פון 160 זל. ווערט אנגענומען.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: סטארשי ח. פיטעל, פערטרעטער י. שטייער, פאדסטארשעס שנייער און שלעזינגער. אין דער פערוואלטונג: פרענקעל, שיליט, גוטערמאן, בירנצווייג און ארבאך.

די מצה-אקציע אין טשענסטאכאוו.

אין דער קהלה איז אנגעקומען א בריעף פונ'ם יודישען בעקער-צעך, וואו זיי מאכען אויפמערקזאם, אז עס איז שוין די העכסטע צייט צו טראכטען וועגען איינקויף פון יום-טוב'דיג מעהל אויף מצות, ווי אויך, אז דאס מעהל ווערט טייערער און דעריבער — א. ז. וו.

די קהלה-פערוואלטונג האט גענומען און אכט דעם בריעף און גערופען אויף נעכסטען דאנערשטאג די ערשטע זיצונג פון די בעקער, כדי צו טראכטען וועגען דער פארשטעהענדער מצה-אקציע.

פון שטאדט-טעאטער.

שבת 3 א זייגער נאכמיטאג ווערט געשפילט צום לעצטען מאל צו ביליגע פרייזען, די זעהר אויסגענומענע פיעסע „די שחיטה" פון י. גארדין.

די מאדערנע נאהרונגסמיטעל פארשונג

איז די סבה אז די נאכפראגע פאר נארוועגישען לעבערטראן ווערט וואס אמאל גרעסער. דער נארוועגישער לעבערטראן ענטהאלט אחוץ דעם פערהאנדענעם סכום פון וויטאמינעס (500 A און 250-200 D וויטאמינעס פרא גראם) אויך דאס נויטיגע קוואנטום יאד צו פערהיטען געגען א קראפ.

נארוועגישער לעבערטראן

אין מערץ — דער „טאז" - באל.

דער היי-יעהריגער „טאז"-באל וועט אויספאלען אימפאזאנטער ווי אלע ביז איצטיגע. דער „טאז"-טעלעפאן נר. 756 רוהט נישט, מען קלינגט כסדר וועגען איינלאדונגען אויפ'ן באל.

„טאז" שליסט דעם היי-יעהריגען ווינטער-טאנץ-סעזאן, דער באל וועט פארקומען אין פייערלעשער-זאל, דעם 11-טען מערץ.

מעלדונגען וועגען איינלאדונגען אויפ'ן באל נעמט אן דער „טאז"-סעקרעטאריאט א גאנצען טאג פון 9 פריה ביז 7 אוונד, טעלעפאן 7-56.

אידא קאמינסקא — זונטאג אין היגען קאמעראל-טעאטער.

נור 1 פארשטעלונג אין היגען קאמעראל-טעאטער וועט געבען די בעוואוסטע קינסטלערין אידא קאמינסקא מיט דער בעגלייטונג פון רחל האלצער און לעבער.

עס ווערט געשפילט די פיעסע „מיר פרויען", וואס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך אידא קאמינסקא מיט א קורצע צייט צוריק אין פייערלעשער-זאל מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

עס איז דעריבער זיכער, אז די פארשטעלונג אין קאמעראל-טעאטער וועט צוציהען א גרויסען עולם טעאטער-ליבהאבער און אלע פלעצער וועלען זיין אויספערקויפט.

דער אויפטריט קומט פאר זונטאג, דעם 12 ד.ח. האלב 9 אוונד.

וואו פערברענגט מען דעם שבת'דיגען אוונד?

מארגען שבת, דעם 11-טען פעברואר ד. י. 8 אוונד טרעפען זיך אלע אויף דער אינטערעסאנטער פערוויילונג, וואס ווערט איינגעארדענט לטובת די י. ל. פרץ שולען אין זאל „ווארטא" (פריהער „ראזמאיטאשטשי"-טעאטער).

דער דראמאטישער קרייז ביים „טאז" האט צוגעגרייט א ספעציעלען רייכע רעווי-רעפערטואר וואס בעשטעהט פון זעהר פיעל נומערן און איז פאראויסגעזעהען אויף צוויי שעה. אין פראגראם וועלען זיין: סצענקעס, סקעטשען, פאראדיעס, מאנאלאגען, געזאנג, טענץ א. א. צו דער רעווי איז צוגעגרייט געווארען ספעציעלע אייגענע דעקאראציעס וואס זענען אויסגעפיהרט דורכ'ן מאלער-קינסטלער דוד גראפארט.

נאך דער רעווי-טייל וועט פארקומען א באל מיט פערשידענע אטראקציעס, וואס וועלען דויערן ביז'ן ווייסען טאג. צו די טענץ וועט שפילען אן'ערשטקלאסיגער ארקעסטער, דער בופעט איז פערזעהען מיט געשמאקע מאכלים און צו ביליגע פרייזען.

דער איינגאנגס-בילעט אויף דער רעווי דינט שוין דאס רעכט אויך אנוועזענד צו זיין אויפ'ן באל.

צוליב זיין אייגענארטיגען כאראקטער זאגט צו דער אוונד צו זיין פיעלפארביג און פייערליך. ס'איז דעריבער גאר קיין וואונדער נישט, וואס דער אינטערעס צו דער פערוויילונג איז אזא גרויסער.

עס איז אהן ספק, אז די אונטערנעמונג וועט האבען דעם פערדינטען ערפאלג. דער איינגאנג נאר דורך איינלאדונגען, מיט וועלכע מען דארף זיך פריהער פערזארגען.

שבת און זונטאג דאנסינגער פון זש. ט. ג. ס.

שבת, דעם 11 ד. ח. פון 8 ביז 1 אוונט און זונטאג, דעם 12 פון 7 ביז 12 אוונד קומען פאר אין לאקאל פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין, אגראדאווא 8 — קארנאוואל דאנסינג'ס, צו וועלכע עס ווערען צוגעגרייט פיעל אטראקציעס.

די דאנסינג'ס פון זש.ט.ג.ס. האבען לעצטענס זעהר א גרויסען ערפאלג, האפענטליך וועלען אויך די אויבענדערמאנטע דאנסינג'ס, וועלכע ווערען מוסטערהאפט פארבערייט צופרידען שטעלען דאס געעהרטע פובליקום.

Dr. H. FALK

האלז-נאז און אויערן-קראנקהייטען

האט זיך איבערגעצויגען

II ALEJA 37

I piętro, front, tel. 6-15

נעמט אן פון 9—11 און פון 5—7.

קליינער פעליעטאן.

א פייג...

(לכבוד חמשה עשר בשבט).

עס איז היינט א צייט ווען מען איז זיך מכבד מיט פייגען, דאס גאנצע לעבען איז ווערט איין גרויסע געפרעסטע פייג אין איינער דעם אנדערן איז מכבד מיט א פייג...

דייטשלאנד, די גרויסע קולטורעלע מלוכה, וואס האט ארויסגעגעבען אזעלכע דיכטער ווי היינע, שילער, געטהע, פילאזאפען ווי; מארקס, לאסאל, העגעל, קאנט אזוו. דייטשלאנד, וועלכער האט פערמאגט אזא קאנצלער ווי ביסמארק, איז געקומען עפיס דארט א מאלער-יונג, אנ'אוואנטוריסט, היטלער ימח שמו און האט אנדערש נישט געוואלט נאר דערגרייכען דעם קאנצלער-שטוהל, האט מען דאך פון איהם געלאכט, און מען האט געחוזק'ט אויף דער גאנצער ליניע.

ווער שמועסט, די ניכטערע פאליטיקער, זיי זענען דאך געווען מלא כעס בלויז אויף דער חוצפה זיינער און האבען פארגעלייגט, אז מען זאל איהם ארויסשיקען פון דייטשלאנד אלס לעסליכער אויסלענדער. ווער שמועסט, די סאציאליסטען און קאמוניסטען, זיי האבען דאך אנגעזאגט א בירגער-קריעג מיט אלע פרטים, אויב מען וועט דעם גרויסען דייטשלאנד אנטהון אזא חרפה. הינדענבורג האט מיט איהם אפילו נישט געוואלט רעדען און איהם משלח געווען מיט בזיון, ווען ער איז געקומען צו איהם נאכ'ן גרויסען נצחון. און פונדעסטוועגען האט ער, דער גרויסער, אפשר גרעסטער חוצפה'ניק און לאבוז וואס דייטשלאנד פערמאגט, דערגרייכט דאס זייניגע, ער איז געקומען צו דער גרעסטער גדולה, וואס א בירגער קען קומען.

היטלער, דער המן פון אונזער צייט איז רייכס-קאנצלער און טראץ אלע פראטעסטען און אונצופרידענהייט, ווייזט ער אלעמען, דעם גאנצען דייטשען פאלק, ווי אויך אלע מלוכות פון גאנץ אייראפא, וועלכע שטוינען און זענען גלייכצייטיג אונרוהיג צוליעב היטלער'ס ממשלה. זיי אלעמען ווייזט ער א פייג.

אין פוילען קרעכצען די לאקאטארען אונטער דער שווערער לאסט פון דעם צו-הויכען דירה-געלד, נעמט מען אן מיטלען, מען שרייבט מעמאריאלען צו דער רעגירונג, מען ארדענט איין פערזאמלונגען, פראטעסטען, דעמאנסטראציעס, מאניפעסטאציעס און אט שמועסט מען, רעדט מען, אז אט-אט וועט דער פארלאמענט אננעמען א געזעץ-פראיעקט, אז מען פערקלענערט דאס דירה-געלד מיט 20—30 און אפשר מיט 40 פראצענט און עס הויבט זיך נישט אן און עס לאזט זיך... אויס.

עקסמיסיעס קומען פאר גאנץ געשמאק און מען דערצעהלט מיר, אז אויף דער בערעק יאסעלעוויטש גאס האט מען אנ'אנשטענדיגען לאקאטאר, וועלכער איז שולדיג געבליבען פאר א האלב יאהר דירה-געלד פערקויפט דאס מעבעל און דער ווירט האט זיך מרחם געווען און צוגעקויפט די גארדינען פון די פענסטער אלס אנדענקען...

ווען מען פרעגט זיי: היתכן ווי איז דאס מעגליך, אז ביים היינטיגען קריזיס, ווען די פערדינסטען זענען געפאלען ביז א מינימום און די געשעפטען ליגען ניין איילען אין דער אדמה, ווי אזוי קען מען צאהלען אזא טייער דירה-געלד, אהרט עס זיי נישט, די פיינע ליבהארציגע בעלי - בתים און שטעלען אונז ארויס א פייג...

אין פוילישען סיים זענען פערהאנען עטליכע יודישע דעפוטאטען, וועלכע ווייסען און רעדען וועגען אונזערע צרות, נאר היות ווי זיי געהערען נישט צו איין פראקציע בייסען זיי זיך ארום און עפענטליך אויף דער טריבונע בפני כל עם, פאר אלע דעפוטאטען פון אלע ריכטונגען און אויך אין דער געגענווארט פון אונזערע פערביסענסטע שונאים, ווייזט איינער דעם צווייטען א א פייג...

די יודישע צרות ווערען גרעסער ווי דער ים און אויב מען וועט נישט באלד און שנעל עפיס טראכטען, ווי אזוי מען זאל דאס ראטעווען, זענען מיר חלילה עלול אונטערצוגעהן.

זענען די חכמי ישראל געפאלען אויף א פלאן צונויפצורופען א יודישען וועלט-קאנגרעס זאלען די פארשטעהער פון 17 מיליאניגען פאלק זיך צונויפקומען און טראכטען אנ'עצה, מה לעשות.

דאכט זיך, א גרויסארטיגע אידעע, וואס דארף בעגריסט ווערען פון אלע שאטירונגען אין יודישען פאלק, ווערט אבער דער דאזיגער קאנגרעס-שרייבען די צייטונגען-אזוי צוגעגרייט, אז איך האב מורא, אז עס זאל זיך דערפון נישט אויסלאזען א פייג...

דורך טהיר און טויער, שפארען זיך די יודישע יונגעלייט קיין ארץ-ישראל.

עס העלפען נישט די שטרענגע פערארדנונגען פון דער ענגלישער מלוכה, עס פועל'ט נישט די אנטי-יודישע אגיטאציע פון די אראבער, יודען שטרעבען מיט אלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען צו דערגרייכען און זיך בעזעצען אין לאנד.

כמעט יעדע וואך פאהרען אדורך הונדערטער עולים קיין ארץ - ישראל, שטעה איך אזוי ביים באהן און בעוואונדער די דאזיגע עולים און אין הארצען בין איך זיי מקנא, אט זיי וועלען דערגרייכען דעם אויסגעבענקטען חלום און מיר אלע, וועלכע בלייבען אין גלות וועלען האבען א פייג...

א היגער אנגעזעהענער בעל-הבית, דאכט זיך א חברה-קדישא-מאן, האט א גרויס געשעפט אין נייעם מארק, האט ער בעשעפטיגט כסדר יודישע בעלי-עגלות, וועלכע האבען געפיהרט זיינע סחורות. פלוצים פאלט איהם איין א געדאנק און גיט איבער צו פיהרען א נישט-יודישען בעל-עגלה.

פרעגען די יודישע פורמאנעס, מה פשעי, וואס האבען מיר געגען אייך געזינדיגט? צי האבען מיר אייך נישט צופרידענגעשטעלט, צי ווילען מיר דען טייערער פון דעם נישט-יודישען בעל עגלה? און נאך זאגען זיי צו איהם: מיר זענען יודישע בעלי-עגלות, מיר לעבען פון אונזער ארבייט און אייער נייער בעל עגלה איז דאך רייך. ער האט א הויז, פעלד אזוו. און נאך דערצעהלען זיי איהם וועגען די מעשים טובים, וואס דער נישט-יוד האט געטהון געגען יודען.

ער מאכט זיך אבער פון דעם גארנישט און שטעלט זיי אלע ארויס א פייג...

די זעלבסטהילף ביים יודישען גימנאזיום האט איינגעארדענט א פארשטעלונג אין זאל „ראזמאאיטאשטשי" זאגט מען, אז דאס איז געווען באמת א הערליכע פארשטעלונג און עס איז געווען גרויס „פאוואדזעניע".

נאר היות ווי די אויסגאבען זענען געווען זעהר גרויסע, ווי למשל: דער זאל, דעקאראציעס, קאסטיומען, כאראקטעריזאציע, ווי אויך די רעזשי, האב איך מורא, אז סוף כל סוף איז אין דער קאסע געבליבען א — פייג...

צום סוף מוז איך נאך בעמערקען, אז אויך איך ציטער, אז דער רעדאקטאר זאל מיר נישט שטרייכען דעם פעליעטאן און מיר נישט ווייזען קיין — פייג...

סמאל

אונזער יום-טוב.

נישט אָפט טרעפט זיך א יום-טוב, וועלכער זאָל זיין פערבינדען מיט די טאָג - טעגליכע דאגות, מחשבות און שטרעבונגען. שטענדיג פערשטעהט מען א יום-טוב אַלס א געגענזאַץ פון חול, אַלס עטוואס, וועלכעס האט מיט דעם וואָכען-טאָג קיין פערבינדונג. ארויס-דריגען אַ יום-טוב פון יום-חול וואָלט גאר שווער געווען. און נאָר איינמאָל אין יאָהר, ווען מען פייערט דעם חמשה עשר בשבט קומען אָן אזאלפע געדאַנ-קען.

חמשה עשר איז אַ יום-טוב פון גאָר אַלטע צייטען, ווען מיר אַלס אַ פריי פאָלק האבען געלעבט אין ארץ-ישראל, בעארבייט אונזער ערד, געפרעהט זיך דאס אין ט"ו שבט קומט אָן דער זו-מער, עס הויבען אָן בליהען די אָר-יענט -פראדוקטען, די גאַנצע נאַטור ערוואכט און מיט איהר אַלעס לעבע-דיגע. שפעטער האבען מיר דורכגע-לעבט א שווערען און פינסטערען גלות. ווען דער חמשה עשר האט עקזיסטירט נאָר אַלס אַ מין היסטאָריש איבערלע-בעניש און מען פייערט דעם חמשה עשר נישט פערשטעהענדיג אפילו, אז אין חודש פעברואר קען ערגיץ וואו זיין ווארים, און דער זומער הויבט זיך שוין אָן. איצט איז שוין גאַנץ אַנ-דערש ארץ-ישראל איז שוין ווי אונ-זער, טויזענדער יודען פעארבייטען די ארץ-ישראל-ערד און אין טאָג פון חמשה עשר פרעהען זיי זיך ווידער, אז אלץ בליהט, די נאַטור ערוואכט און אַלץ הויבט אָן א ניי לעבען. און מיט זיי-ערע געדאַנקען הויבען מיר אָן אונזע-רע פערבינדען. די שווערע און גרויע ווירקליכקייט ווייזט אונז דאס מיר מו-זען זיך עטוואס אויפזוכען און אַז דאס איינציגע מקום-מקלט פאר אונז איז ארץ-ישראל. די טאג-טעגליכע מחשבות פיהרען אליין צו צו דעם חמשה עשר בשבט טאג און ווייזען אונז דעם וועג. און מיר? וואס פאר א חלק האבען מיר אין דעם אויפבוי-ווערק? וואס פאר א אויפגאַבען האבען מיר?

קרן קימת לישראל!

דער נאַציאָנאַל-פאָנד האט אויף זיך גענומען די פעראַנטוואָרטליכע ארבייט צוזוגרייטען באָדען פאר'ן פאָלק און די ט"ו בשבט הכנסות זענען בעשטימט פאר'ן בעוואלדען די זומפען און וויס-טע זאמדען אים צו עראָבערן נייע שטחים פאר דער אגרי-קולטור. אונזער בעסטע פייערונג פון חמשה עשר איז די שפענדונג אויף דעם קרן-קימת וועל-כער פערווירקליכט און פיהלט אויס דעם נאַציאָנאַלען יום - טוב — חמשה עשר בשבט.

הנוערי.

רינג-קייט לטובת „קרן העליה".

יחזקאל אָפּמאַן 2 זל. רופט בינם האָפּמאַן, י. פיק, י. טיבערג, מאדזיא געניסלאָוו.

ס. קאָנטאָרובנאַ 2 זל. רופט בראָנ-קאַ מאַרטענפעלד, עסטקא שאיא, האנ-קא הויפטמאַן, י. שטשופאַק, העלאַ יאַקובאָוויטש.

ד. לעדערמאַן 2 זל. רופט יוסף שווארצבוים, יאַכימאָוויטש.

דוד קאָזאַק 2 זל. רופט שלמה רו-שעצקי, רודניצקי, ד. גליקסמאַן.

מ. שווארצבוים 2 זל. רופט י. גאָל-דשטיין,

ע. ערליכובנא 2 זל. רופט מארעק שאיא, ב. פוטערקאַ, יוזעק פערענס.

ל. דאנציגער 2 זל. רופט לעאָן פראָמער, ש. קאָץ.

ה. פרידמאַן 2 זל. רופט ס. וואָל-בערג, י. בירנבוים.

ל. שלעזיגער 1 זל. רופט וו. רייכ-מאַן.

וו. ניימאַן 1 זל. רופט דוד פאָלוס.

יחזקאל בערקאוויטש 1 זל. רופט מ. בערקאָוויטש.

א. ערליך 1 זל. רופט נתן שטיינ-הארט, ז. יוריסטא.

די טרויער פערזאמלונג ביי די רע-וויזיאָניסטען צו דער 10-טער יאָהר-צייט פון מאַקס נאָרדוי.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין איי-גענעם לאָקאל, אַלעע קאָשטשושקי 16, פאָרגעקומען ביי די ציוניסטען-רעוויזי-יאָניסטען א טרויער-אָווענד געווידמעט דעם 10-טען יאָהרצייט פון מאַקס נאָר-דוי ז"ל.

דעם אָווענד עפענט מיט א קורצע רעדע דער ה' סטוד. בראַטמאַן. ער דערמאַנט אויך ביי די דאָזיגע געלע-גענהייט דעם פערלוסט, וואָס דער „ברית תרומפלדור" האָט געליטען אוי-ליב דעם טויט פון אייגעם פון די בעס-טע אחים — דעם מיטגליד חיים שי-ליט ז"ל, וועלכענס לויה ס'איז דעם זעלבען טאָג פאָרגעקומען. זיין אנדענ-קען ווערט בעעהרט מיט'ן אויפשטעהן.

דאַן ערטיילט ער דאָס וואָרט דעם פרעזעס פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע דעם ה' אליהו איצקאָ-וויטש, וועלכער האָלט א לענגערען רע-פעראַט איבער מאַקס נאָרדוי.

דער רעפערענט זאָגט: אין דער צייט ווען דאָס יודישע פאָלק איז געווען אַדורכגעוועקט מיט צרות אין פלוט, האָבען די מעהר אינטעלעקטועלע קריי-זען פון יודענטום נישט געגלויבט אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יודי-שען פאָלק.

דאַמאָלס האָט זיך אויפ'ן פינסטערען האָריזאָנט בעוויזען די ליכטיגע גע-שטאַלט פון מאַקס נאָרדוי, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער ציו-ניסטישער אידעע און זייענדיג שוין דאַמאָלס בעריהמט אלס איינער פון די גרעסטע וויסענשאפטלער אין דער וועלט האָט די אויטאָריטעט פון זיין פערזענליכקייט געהאָט א בעזונדערס ווערטפולע בעדייטונג פאר דער בע-רעכטיגונג פון דער ציוניסטישער אי-דעע.

מאַקס נאָרדוי פון דער נאַטור אַנ'-אָפּטימיסט האָט אויף יעדען פּראָבלעם געקוקט אָפּטימיסטיש. זיינע וויסענ-שאפטליכע טעאָריעס האָט ער אין דעם גייסט ענטוויקעלט און אויך מיט דעם זעלבען חוש האָט ער געקוקט אויף דער יודען פראַגע.

מאַקס נאָרדוי האָט דעריבער געהאט די דרייסטקייט צו קריטיקירען די העכסטע וויסענשאפטלער, ווען זיי האָ-בען זיך קעגענגעשטעלט זיינע אנשוי-אונגען און מיט זיינע שאַרפזיניגע און בליציגע געדאַנקען האט ער תמיד דעם געגנער בעזיגט.

אַזוי האט זיך שוין דאמאלס די אסימילאַציע פערלוירען, וועלכע האט זיך געגענגעשטעלט דער נייער בעווע-גונג, האַלטענדיג אז דאס איז שעדליך. דערויף האט ער דער אסימילאַציע גע-ענטפערט מיט א דראמאַ א. ט. „ד"ר קאָהן", וואס מיר זעהן טאקי היינט אין דייטשלאנד און דאס אויף דער ברעסלויער אוניווערזיטעט ארום דעם סקאַנדאַל מיט ד"ר קאָהן.

ווייטער האט מאַקס נאָרדוי געזאָגט, אַז דער ציוניזם בויט זיין צוקונפט נישט אויף מיסטיפיקאַציעס נאָר אויף וויסענשאפטליכע יסודות. מאַקס נאָרדוי האט דעם קאַמף געפיהרט נישט בלויז אויף רעכטס און לינקס, נאָר אויך גע-גען קליין-ציוניזם", האַלטענדיג אז דורך קלייניגע אַספּיראַציעס ווערען מיר בעטראַכט אלס מינדערווערטיגע.

דעם קאַמף, וואס ער האט געפיהרט מיט דער אָפּיציעלער לייטונג איז פאר איהם געווען אנ'אויפריכטיגער און נישט קענענדיג ווייטער איבערטראָגען האט זיין האַרץ געפּלאַצט.

מיט „התקוה" ווערט די פערזאמלונג געענדיגט.

ק.

כ ש ר ! כ.ש ר !

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז דעם 25 סטיטשען האב איך געעפענט

אין קעהניגסהוטע, רינעק 22 סטאַציע פון טראַמוואַיען און אויטאָבוסען

אַ רעסטויראַציע

וואו מען בעקומט שמאקהאפטע פריהשטאָגען, וויענער מיטאָגען אויך אָווענד-ברויט מילכיג און פליישיג.

די קיך ווערט געפיהרט דורך א פאכמענישען קראָקאָווער קאָכער, דעריבער גא-ראנטיר איך פאר שמאקהאפטע און נאהרהאפטע שפייזען.

מיך פערקויף אין ענצעל אַלערליי וואורשטען צו די ביליגסטע פרייזען.

ספעציעל זונטאג יודישע וועמפלעך און וויענער ווערשטלעך מיט קאַרטאָפעל-סאלאט.

איך עמפפעהל דעם געעהרטען פובליקום מיין לאָקאל אין איך בין זיכער, אז דער וואס וועט בעזוכען מיין געשעפט איין מאָל, בלייבט מיין שטענדיגער קונה.

מיט אכטונג ה. בענצלאָוויטש, קרול-הוטא.

פערצווייפלטע פרוי אַראָבגעוואָר-פען זיך פון א קהלה - פענסטער אויפ'ן ברוק.

די לעצטע טעג האָבען זיך געוואָנ-דען צו דער קהלה עטליכע פרויען וועמענס מענער זענען פון זיי אָוועק און האָבען פערלאַנגט, אַז די קהלה-פערוואַלטונג זאָל זיך בעמיהען, מען זאָל צונעמען זייערע קינדער אין יתומים-הויז אריין.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דאָזיגען ענין איז נעכטען פאַרמיטאָג געקומען אין דער קהלה אריין די קאָנטראָלערין פון יתומים-הויז, פרוי שטאַרקע, וועלכע האט אנגעוויזען אויף דער שווערער לאַגע, אין וועלפער דאס יתומים-הויז געפונט זיך יעצט און ערקלערט דערביי, אז ס'איז אונמעגליך אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע ביים היינטיגען טאָג צוצו-נעמען נאָך פרישע קינדער.

ווען איינע פון די אָנוועזענדע מו-טער'ס, א געוויסע פרוי טאַבאַטשניק פון דער מאַלע גאַס 26, וועלכע האט זיך אויך בעמיהט, אז מען זאָל איהרע קינדער צינעמען אין יתומים-הויז, האט דערהערט דעם אָבזאָג וועגען איהר בקשה, האט זי שנעל זיך אַרויסגעכאַפּט אויפ'ן פענסטער, וואס געפונט זיך אויף די שטיגען צווישען 1-טען און 2-טען שטאָק, נעבען איינגאַנג צו דער קהלה און פון דאָרט זיך אַראָבגעוואָרפען אויפ'ן ברוק פון הויף.

אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע איז תיכף געוואָרען א מהומה, מען האט טעלעפאָניש ארויסגערופען די פאַגאָטאָ-טיע, וועלכע איז אגב אָנגעקומען מיט א פערשפעטיגונג פון א האַלבע שעה און דאַן איז די פרוי, א צובלוטיגטע אויפ'ן קערפער, אָבגעפיהרט געוואָרען אין שטאַדטישען שפיטאָל אריין.

דער מאַן פון דער פערוואונדעטער, משה טאַבאַטשניק, א שוסטער, האט נאך 10 יאָהר אָבוואוינען מיט איהר, פערלאָזט זי צוזאַמען מיט 3 קינדער אָהן שום מיטלען צום לעבען.

חיים שיליט ז"ל.

אין עלטער פון 18 יאָהר, איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען איינער פון אונזערע טריי-איבערגעגעבענע ברי-דער. אין עלטער פון 16 יאָהר איז ער אריינגעטרעטען אין אונזערע רייהען טיעף איבערגעגעבען איז ער געוועזען אונזער אידעאַל, פאר'ן אויפבוי פון דער יודישער מלוכה, האט ער פיעל געלייסטעט. מיט אַלע זיינע כוחות האט ער דעם יודישען כבוד געהויבען, פיעל צייט האט ער פאר אונזערע נאַ-ציאָנאַלע פאָנדען געשאָנקען, מיט א ריינער נשמה האט ער זיינע הייליגע אויפגאַבען לטובת דעם יודישען פאָלק ערפולט. אָבער זיין גרויסען ציעל האט ער נישט דערגרייכט, אונזער הייליג לאַנד האט ער נישט געזעהן.

דורך זיין אונערמידליכער ארבייט פאר אונזער הייליגער אידעע לטובת דער יודישער מלוכה, זאָלען מיר א טרייסט געפונען.

פריהצייטיג איז ער פון אונז אוועק, אייביג אין אונזער זכרון וועט ער בלייבען. זיין איבערגעגעבענע ארבייט וועלען מיר קיינמאָל נישט פערגעסען.

א חבר.

טעלעגראַם! ראַטעוועט אייער געזונד!

אָהן בלוט און אָהן מעסער! היט אייך פאר פערקריפלונג!

קימט עס זאָל נישט זיין צו שפעט!

ליידענדע אויף פערשידענע געברעכליכקייטען און קערפער-פערקריפלונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען! קאָפּ און ווי א וואסער-קאַן און קען זיין לעבענס-געפעהרליך אין גרעסטיג וועגען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראכען, בויכבריכען, נעבעלרס-מו-טער-ברוכען און העננע-ברוכען, 2) פערקרימטע פלייצעס (הויקערס), לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקריפלונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע וועקען, פאר פעט-לייבינג ספעציעלע גומענע באנדאושען, וואס מאַגער די פיגור. דער קראנקער ווערט געהאלפען מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאושען און פ-אנצוויישע מאסאזשען, פאר פערקרומטע פלייצעס—גאַרסעטען און אָרטאָפּעדישע אפאראטען ווי אויך גימנאסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאָהרען אויסלעבען אהן אפעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פראקטיק און איז געקו-מען נאָך טשענסטאָכאָוו און בלייבט נאך אויפ'ן פערלאנג פון טשענסטאָ-כאָווער פובליקום און פון דער פראָווינץ אויף א לענגערען אויפענטהאלט

און נעמט אָן

א גאַנצען טאג אין האָטעל קאליסקי, פילסודסקי 1, ציממער 8.

דיר. ראַפּאַפּאָרט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר ביליגע פרייזען.

דיפלאָמען האבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פראָפעסארען:

פראָפ. ד"ר באראנטש, פראָפ. ד"ר י. מארישלער, פראָפ. ד"ר בר. קא-ראנאחסקי און אויך אנדערע.

Wszechzwiązkowe Zjednoczenie „Torgsin"
Przekazy pieniężne do ZSRR.

Wszyscy mogą teraz przekazywać pieniądze swym krewnym i zamieszkałym w ZSRR, celem otrzymywania towarów z magazynów „Torgsinu". Przekazywać można pieniądze w nieograniczonej ilości i wszystkim bez wyjątku osobom Odbiorca przekazu może według swego upodobania zaopatrywać się w towary wszystkiego gatunku po cenach b. przystępnych. Przekazy na „Torgsin" przyjmują najpoważniejsze banki w Polsce. Informacji osobiście, telefonicznie lub piśmiennie po otrzymaniu znaczka pocztowego udziela Przedstawicielstwo Handlowe ZSRR. Warszawa, Koszykowa 4 tel. 9-06-66.

בעקאַנטמאַכונג.

די האנדווערקער, וועלכע בעזיצען א האנדווערקער-קאַרטע און וועלען ארבייטען אין יאָהר 1933 אליין אָדער מיט דער הילף פון 1 פאמיליען - מיטגליד דארפען זיין אויפ'ן סמך פון ארט. 3 פונקט 5 פון געזעץ וועגען דעם מלוכה'שען אינדוסטריע-שטייער (אָבראָטאָווע), בעפרייט פון דעם דאָזיגען שטייער אין יאָהר 1933. די האנדווערקער, וועלכע בעשעפטיגען נישט מעהר ווי 1 געדינ-גענעם געזעלען דארפען, אויפ'ן סמך פון פאר. 5 פון דער פעראָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטער פון 4 פעברואר 1932, צאָהלען אלס ריטשאַלטירסען הכנסה-שטייער נור 21.60 זל. יעהרליך.

וועגען די דערמאַנטע ענינים דארפען זיך די פעראינטערסירטע ווענדען אין סעקרעטאַריאַט פון האנדווערקער-פערבאַנד פון 9 ביז האלב 2 און פון 7 ביז 10 אָוונט.

פאבריקאַנטען, סוחרים און בעלי-מלאכות!

ווער פון איך ס'האט דעם שווערסטען ענין צו ערלעדיגען אין שטייער - אמט ווי אויך אין אנדערע רעגירונגס-אמטען א. ד. ג. – זאָל זיך ווענדען אין דער

ביטע-ערפעצענטער ביוראָ

„POMOC" פאר ביטעס, אַנקלאַגעס, איבערשריי-בונגען אויף שרייב-מאשינען א. ג.

וועלכער ווערט אָנגעפיהרט דורך דעם לאנג-יעהריגען, רוטינירטען רעפערענט

ה' ל. קראָקאָוויאַק, שלאָנסקא 6, אין הויף, רעכטס פאַרטער, נישט ווייט פון אורזשאָנד סקארבאָווי.

די ביוראָ איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז האלב 8 אָוונד.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

לעצטע טעג פון ערנעסט לוביטש'ס קונסטווערק
CZŁOWIEK którego ZABIŁEM
מיט בארימור און נאַנסי קאַראָל אין הויפט-ראָלען.
אַלס צווייטער פילם
ŻONA NA JEDNĄ NOC
די קאָמעדיע

Teatr „ODEON"
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוונט.

אלץ וואָס איהר זוכט: די עלעגאַנטע וועלט! ליבע! אוואַנטורעס! שפאַנונג! סענסאַציע!
אין הערליכען פילם
ZATRUTE DUSZE
מיט זשאַן מוראַס, דאַניעלאַ פאַראָלאַ.
הערליכער קלאַנג-איבער'ן פראָגראַם.

ערשטער מוסטערהאַפטער
קלאַנג-קינאָ
Nowości
לעצטער סעאַנס 9-30 אָוונט.
היינט און ווייטערע טעג.

פאַט און פאַטאשאָן אין זייער נייעסטען פילם
DZIELN WOJACY
HAVANNA COKTAIL
אויסערדעם דער שענסטער קלאַנג-פילם

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 5